STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09092

MAYSES

Yehudah Elberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה עלבערג

מעשׂיות

■

□

געהייליקט דעם אָנדענק פון מײַן זיידן, דעם גרויסן פֿאָרשער און ביבליאָגראַף פון חסידות ר׳ צבי יחזקאל מיכעלזאָן הי״ד, וואַרשעווער רב, אומגעקומען על קידוש השם בײַם סוף פון דעם ערשטן גירוש וואַרשע, און זײַן זון, מײַן פֿעטער אברהם חיים שׂמחה בונם מיכעלזאָן הי״ד, מחבר פון אַ סך חסידישע ספֿרים, אויסגעגאַנגען אין לאָדזשער געטאָ.

YEHUDA ELBERG

MAYSES

(TALES)

PRINTED IN ISRAEL

אילוסטרירט פון
צירל וואַלעצקי

©

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

רח' אלנבי 31, תל אביב

I. L. Peretz Publishing House

31 Allenby Str., Tel Aviv, Israel

תל אביב, תש"ם — 1980

דרוק — „ראש פינה", ת"א 334880

וועלט
ראַט
פאַר ייִדיש
און ייִדישער
קולטור

ביכער־סעריע
פון וועלטראַט
פאַר ייִדיש
און ייִדישער
קולטור

SERIES OF BOOKS
PUBLISHED BY THE
WORLD COUNCIL FOR
YIDDISH
AND JEWISH CULTURE

Israel ישראל

יהודה
עלבערג
מעשיות

חסידיש

דער כוח פֿון אַ מינחה

אויב עץ מיינט, אַז נאָר אין גבעון האָט די זון זיך אָפּגעשטעלט אין איר גאַנג, האָט עץ, במחילה, אַ טעות. דאָס צווייטע מאָל איז עס געשען לעבן מעזריטש. ומעשׂה שהיה, כך היה:

דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, זיכרונו לברכה, איז געגאַנגען צו זײַן רבין, דער רבי ר׳ בער פון מעזריטש, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין. געגאַנגען, זײַנע הייליקע רעיונות האָבן זיך מתייחד געווען מיט דברי קדושה, און פּלוצעם דערזעט ער „כּי פנה יום״, אַז די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ צום מערב און ער האָט נאָך קיין מינחה נישט געדאַוונט. בײַ דער זײַט פון וועג איז געווען אַ קרעטשמע. האָט דער הייליקער ר׳ אלימלך זיך מכוין געווען תּפילה צו טאָן. ער איז אַרײַן אין דער קיך פון דער קרעטשמע זיך וואַשן די הענט.

אין דער קרעטשמע זענען געזעסן גוייִשע באַלעגאָלעס, געטרונקען און געזונגען מיט שיכּורע קולות. דער רבי, ווי ער וואָלט זיי אָפּילו נישט געזען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל מיטן פּנים צו מיזרח, און כּדרכּו בקודש, אַלע זײַנע רמ״ח אברים און שס״ה גידים זענען פול גע־וואָרן מיט התרוממות התפילה. זיינע הייליקע ליפּצן האָבן זיך שוין געעפנט אַרויסצוזאָגן „אַשרי״, איז פּלוצעם דער קרעטשמער אַרײַנגע־לאָפן פון קיך מיט אַ געשריי: „ווער האָט צוגעגנבעט אַ ברויט אין קיך?״

„דער שלעפּער דאָרטן איז געווען אין קיך,״ האָט אַ שיכּור גע־טייטלט צום רבין.

דער קרעטשמער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם רבין און אים אַרויסגע־וואָרפן פון קרעטשמע.

דער רבי האָט זיך אויפגעהויבן און זיך צוגעשלעפּט צו אַ גאָענט

ווֶעלדל. ער האָט זיך אָװעקגעשטעלט בײַ אַ בוים און גענומען זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, אַרויסצושלאָגן פון זיך דעם חולשת הדעת, ער זאָל קאָנען דאַווענען מינחה מיט גרויס כוונה, כּדרכּו הקודש.

ויהי, און עס איז געווען, ווען ער איז צוגעקומען צו קאַפּיטל כ״ט און אַרויסגעזאָגט דעם פּסוק „קול השם חוצב להבות אש״, גאָטס קול האַקט אויס פײַערדיקע פלאַמען, איז אַראָפּ אַ פײַער פון הימל און אַרומגעכאַפּט די קרעטשמע פון אַלע זײַטן. דער קרעטשמער, די פּויערים האָבן פּרובירט לעשן, אָבער דאָס וואַסער האָט כּהרף עין געגעבן אַ טריקן אויס, ווי דאָס פײַער וואָלט עס אײַנגעשלונגען און ווײַטער געברענט.

דער רבי, זיכרונו לברכה, האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן מינחה, ווען ער האָט דערזען דאָס פײַער. ער האָט איבערגעריסן דאָס דאַוונען און פאַרשטעקט די גראָבע פינגער פון בײדע הענט אין דעם גאַרטל; די שׂריפה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע ליכטיקע אויגן. „דו האָסט עס געטאָן מחמת דו האָסט זיך אָנגענומען פאַר מײַן כּבוד,״ האָט דער רבי אַ זאָג געטאָן צום הימל, „אי אפשי בכבוד כּגון זה, איך וויל נישט אַזאַ כּבוד.״

די זון האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט ביז צום ראַנד. דער זמן מינחה ווערט באַלד אַריבער, און דעם רבינס הייליקע לעפצן זענען געווען פאַרשלאָסן. ער האָט נישט פאַרענדיקט „אשרי״. ער האָט געקוקט אויפן פײַער און געשוויגן.

נאָך אַ רגע און דער טאָג וועט פאַרפאַלן ווערן אויף יענער זײַט בין השמשות. די שטערן האָבן נישט געהאַט קיין כּוח זיך אָנצוצינדן, אײדער דעם רבינס מנחה וועט דערגרייכן די הימלען. די הימלישע פענצטער האָבן זיך שוין געהאַט פאַרמאַכט הינטער דעם אָוונט־טוי, איז דער טל השמים געבליבן שטעקן צווישן הימל און ערד, נישט געקאָנט אַראָפּפאַלן און נישט געקאָנט צוריק אַרויף אין הימל אַרײַן. די זון איז געבליבן הענגען אויפן סאַמע ראַנד פון הימל, ווי אַ טרינקענדיקער וואָס האַלט זיך נאָך אָן אינעם ראַנד פון אַ וואַסערגרוב מיט אַ שפּיץ פינגער און מיט די לעצטע כּוחות. דער הימל האָט זיך געטרונקען אין אַ רויט, ווי

דער טאָג וואָלט אויסגעגאַנגען אונטערן חלף פון אַ שוחט. און אַלע ביימער אין וועלדל האָבן אַ ברום געטאָן: „נו?"

„כ'על דיר קיין מינחה נישט דאַוונען ביז ס'עסט נישט אויסלעשן די שריפה", האָט דער צדיק געזאָגט מיט עקשנות.

— — — — — — — — — — — — —

כ'דאַרף אײַך דען דערציילן וואָס ס'איז ווײַטער געשען? ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער צדיק איז גוזר, איז דער קדוש ברוך הוא מקיים. דאָס פײַער איז פאַרשוווּנדן, די קרעטשמע איז געבליבן גאַנץ, נאָר אַ ביסל פאַרריסט פון רויך, „למען ישמעו ויראו", כדי מע זאָל זען די גרויסקייט פון צדיקים. דער הייליקער רבי האָט מיט גרויס שימחה ממשיך געווען „אַשרי", „חנון ורחום השם, ארך אפיים וגדל חסד", „טוב השם לכל ורחמיו על כל מעשיו", דער אייבערשטער איז דער־באַרעמדיק, טוט גרויס חסד צו זײַנע קינדער און האָט רחמנות אויף אַלע זײַנע באַשעפענישן.

ווי נאָר דער רבי, זיכרונו לברכה, האָט אויסגעשפּיגן צו „עלינו", איז דער טוי אַראָפּגעפאַלן און צעשפּרייט זיך מיט שפע און מיט ברכה איבער אַלע געוויקסן, און אַלע שטערן האָבן מיט אַ מאָל געטאָן אַ טאַנץ אַרויס און באַדעקט דעם הימל ווי די אבנים טובים אויף דער קרוין פון אַ מלך.

דער רבי, זיכרונו לברכה, האָט נאָך באַוויזן אָנצוקומען קיין מעז־ריטש צו מעריב. קפיצת הדרך מיסתּמא. אַ קלייניקייט, דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק... נאָכן דאַוונען האָט דער הייליקער רבי ר' בער אים דערלאַנגט „שלום" און געזאָגט צו אים, מיט די ווערטער פון מלאך וואָס יעקב אָבינו, עליו השלום, האָט אים גובר געווען: „כי שרית עם האלוקים ותוכל".

דער רבי ר' אלימלך האָט אויפגעציטערט. ער האָט נישט געזוכט, חלילה, גובר צו זיין דעם אייבערשטנס רצון. ער האָט נאָר צוריקגע־האַלטן אַן עונש.

דער מגיד האָט אים געטרייסט: „מאי דאָך אַ בשר ודם איז זיך נישט מתקנא איבער זײַן זון אָדער זײַן תּלמיד, מכּל שכּן דער קייל רחום וחנון. ער האָט נחת וואָס מלך, זײַן זון, האָט אים, כּביכול, אײַ־בערגעשטיגן אין מידת הרחמים.“

דער זכות פון די הייליקע צדיקים זאָל אונדז בײַשטיין, מיר זאָלן זוכה זײַן צו דינען דעם אייבערשטן מיט ריינע הערצער. אָמן.

דער כוח פון אַ צדיק

„מעז יצא מתוק״ קאָן מען טײַטשן, ווען דער ע ז, דער ארי שבחבורה, דער צדיק, טוט אַמאָל אַן עוולה, גייט עס אויס צום גוטן. מען קאָן דאָס זען פון אַ מעשה, וואָס האָט געטראָפן מיטן רבין ר׳ זושא, זיכרונו לברכה, פון אַניפּאָלע.

די צוויי הייליקע ברידער, דער רבי ר׳ אלימלך און דער רבי ר׳ זושא, זענען געגאַנגען קיין מעזריטש צו זײַן שבועות, דעם זמן מתּן תּורתנו, בײַם רבין ר׳ בער, זיכרונו לברכה.

כּדרכּם בקודש, ווי זיי האָבן זיך אַלע מאָל נוהג געווען, זענען זיי געגאַנגען צו פוס, טייל מאָל אַפילו מיט אומוועגן. אַז דער אייבערשטער גיט שׂכר־הליכה, אַז יעדער טריט איז אַ מיצווה, איז דאָך בעסער נישט מקצר צו זײַן דעם וועג. וכל המרבה הרי זה משובח...

גייען אַזוי די צוויי צדיקים צווישן צעבליטע פעלדער. דעם איי־בערשטנס ברכה הויערט איבער יעדן גרעזל און יעדער זאַנג. צום רבינס בית־המדרש איז נאָך אַ שפּאָר ביסל מײַלן, אָבער דער חלל איז שוין פול מיט דער אַווירא־קדישא פון מעזריטש. ווערט דער רבי ר׳ זושא פול מיט פרייד און מיט געגנאָד. גיט ער זיך פלוצעם אַ שטעל אָפּ, הייבט אויף זײַנע הייליקע הענט צום הימל און בעט: „מרא דעלמא, האַר פון דער וועלט, גיב מיר פּאָר איין שעה מחלקו של אהרן, גיב מיר דעם שליסל צו די אוצרות פון ברכה. אַז כ׳על אין דער שעה אַרויפ־לייגן מײַנע הענט אויף עמעצנס קאָפּ און אים בענטשן, זאָלן די ברכות מקויים ווערן.״

ווי נאָר דער רבי ר׳ זושא האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער בקדושה וטהרה, האָט ער תּיכּף דערפילט, אַז השם יתברך האָט באַגיטיקט זײַן

בקשה. זײַנע הענט זענען געוואָרן ווי פליגל, אויב ער זאָל זיי אויס־שפּרייטן צום פליִען, קאָנען זיי אים אַוועקטראָגן ביז צום כּסא הכּבוד.

איז דער רבי ר׳ זושא געוואָרן מלא חדווה. אַ קלייניקייט, אַ גאַנצע שעה, זעכציק מינוט, דרײַ הונדערט און זעכציק רגעס, און יעדע רגע וועט ער קענען ברענגען ברכה אויף אַן אַנדערן קאָפּ.

אויף דער סטעזשקע צווישן פעלדער זענען נישט געווען קיין מענטשן, איז דער רבי ר׳ זושא אַרויסגעגאַנגען צום הויפּטוועג, און דער רבי אלימלך נאָך אים.

ויִרא כּי אין איש, אויך דער הויפּטוועג קיין מעזריטש איז געווען ליידיק. נישט ווײַט פון דאָרט איז געווען אַ קרעטשמע, האָט דער רבי ר׳ זושא געאײַלט צו דער קרעטשמע, און דער רבי אלימלך נאָך אים.

אַ האַלבע שעה איז פאַריבער, דער וועג איז אַלץ געווען ליידיק. קיין פוסגייער, קיין בויד, קיין קרעטשמע. די געבעטעטשטע מינוטן זענען אַוועק רגע נאָך רגע. דער רבי ר׳ זושא האָט גענומען לויפן, און דער רבי ר׳ אלימלך נאָך אים.

די שעה איז אויסגערונען, נאָר געציילטע מינוטן פאַרבליבן, „ווו איז ערגעץ די קרעטשמע?" האָט דער רבי ר׳ זושא אַ געשריי געטאָן, און כּהרף עין זענען זיי געבליבן שטיין לעבן דער קרעטשמע.

די קרעטשמע איז געשטאַנען על פּרשת דרכים. ס׳איז אַלע מאָל דאָרט פול געווען מיט בוידן, לאַסט־וואָגנס, באַלעגאָלעס, פאַרשוינען... דער רבי ר׳ זושא איז נבהל ונשתומם געוואָרן ווען ר׳האָט געזען, אַז ס׳איז דאָרט נישטאָ קיין איין וואָגן. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר. נישט געווען קיין געסט אין דער קרעטשמע. אויף דער צאָלבאַנק איז געלעגן עפּעס אַ זאַק, וואָס די קרעטשמערקע האָט געהאַלטן אין מיטן שטריקן, אַפילו דער לעדערנער בײַטל מיטן לייזונג איז געלעגן אויפן טיש, אָבער נישט דער אַרענדאַר, נישט זײַן ווײַב זענען דאָרט געווען. דער רבי איז געלאָפן פון חדר צו חדר. אַלע חדרים ליידיק. דער רבי איז אַרויס אויפן הויף. קיין בן־אָדם, קיין בהמה, אַפילו דעם קרעטשמערס עופות זענען דאָרט נישט געווען. די פייגל פלעגן אַלע מאָל קומען פּיקן די קערנער וואָס די אַרענדאַרקע האָט צעשפּרייט פאַר די הינער, איצטער

האָט זיך נישט געזען קיין פויגל, נישט אויף דער ערד, נישט אונטערן הימל. די לעצטע געבענטשטע רגע איז פאַרשוווּנדן, דעם רבינס הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט יאוש. ערשט דאַן איז די ייִדענע אָנגעקומען פון פעלד מיט אַ פּאָר הייפּטלעך קרויט אין אירע הענט. פון וועג האָט זיך געהערט אַ רעש פון רעדער און פערדישע קאָפּעטעס. וואָגן נאָך וואָגן, בויד נאָך בויד האָבן זיך פאַרהאַלטן. די קרעטשמע איז פול גע-וואָרן מיט געסט.

דער רבי ר׳ זושא האָט געהאַט גרויס חולשת הדעת, האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים געזאָגט: „ס׳שטייט געשריבן ,להשם הארץ ומלאה, תבל וישבי בה׳, די גאַנצע וועלט, אַלע ברואים, אַלץ איז דעם אייבערשטנס. אַז ער וויל בענטשט ער, אַז ער וויל שעלט ער, חלילה. דער צדיק קען נישט אַליין בענטשן, נייערט ער דאַרף מתפּלל זיין, דער רבונו של עולם זאָל בענטשן. ברכת כּהנים איז דאָך נישט מער ווי אַ תּפילה ,יברכך השם׳, דער אייבערשטער זאָל בענטשן. מוסר זיין די שליסלען צו די אוצרות פון ברכה צו אַ בשר ודם איז מער ווי דער רבונו של עולם האָט געגעבן אפילו צו אהרן הכהן.״

„כ׳האָב עס דען געוואָלט פאַר זיך?״ האָט דער רבי ר׳ זושא זיך פאַרענטפערט.

„ס׳שטייט געשריבן: ,השם יברך את עמו׳, השם יתברך וועט אַליין בענטשן זיין פאָלק,״ האָט דער רבי ר׳ אלימלך געענטפערט, און די צוויי הייליקע ברידער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען מינחה.

נאָך מעריב האָט די קרעטשמערקע דערלאַנגט וועטשערע, אַ קרויט-זופּ מיט ברויט. ווייסט מען דאָך אַז קרויט איז בטבע ווערעמדיק און מע דאַרף ניזהר זיין עס אויסרייניקן מיט גרויס אָפּגעהיטקייט. האָט דער רבי ר׳ זושא געגעסן נאָר אַ כּזית ברויט מיט זאַלץ און צוריקגעגעבן דער קרעטשמערקע די שיסל קרויט. דער רבי ר׳ אלימלך האָט דאָס קרויט יאָ געגעסן.

„נו, חשש תולעת, טאָמער האָט די אישה נישט אויסגערייניקט די ווערעם״, האָט דער רבי ר׳ זושא געזאָגט.

„דעם פּסוק אין תהילים ,ואנכי תולעת ולא איש׳ דאַרף מען אפשר

טײַטשן: און איך װעל בעסער עסן אַ װאָרעם איידער, חלילה, עסן אַ אַ מענטש. אַז מע װײַזט אַ מענטש מע געטרויט אים נישט איז מען אים מבייש," האָט דער רבי ר׳ אלימלך געענטפערט.

„אָבער דער איסור תּולעת איז דאָך גרויס. איסור שרץ ורמש, איסור אבר מן החי, ס'איז דאָך..."

„ ,נוח לו לאדם שיפּיל עצמו לתוך כּבשן האש ואַל ילבּין פּני חברו׳. כ'על בעסער נעמען אויף זיך מע זאָל מיך בראָטן און ברענען אין דעם כּבשן האש פון גיהנום, איידער מאַכן מײַן חברס פּנים זאָל, חלילה, ברע־נען פון בושה".

צו מאָרגנס, די הייליקע צדיקים האָבן זיך טובל געווען אין טײַך, געזאָגט דעם רבין ר׳ אלימלכס תּפילה קודם התּפילה, אָפּגעדאַוונט, געלערנט תּיקוני זוהר און געגרייט זיך אין וועג אַרײַן. אַרײַנגעגאַנגען זיך געזעגענען מיט די באַלעבאָטים, האָט די אישה זיך צעוויינט.

„וואָס איז ס'געוויין?" האָט דער רבי זושא געפרעגט.

„מ'איז פּראָסטע דאָרפסלײַט," האָט די אישה געענטפערט. „קוים אַ שטיקל עברי, לערנען קען מען נישט. אויב דער אייבערשטער וואָלט באַשערט קינדער, וואָלט מען מיט גאָטס הילף, געדונגען אַ מלמד, וואָלט מען געהערט אַ וואָרט תּורה אין שטוב. איז אָבער נישט באַשערט... נאָר אַ מאָל ווען אַ חסיד שטעלט זיך אָפּ אויפן וועג קיין מעזריטש. אָבער יום־טוב, אָט קומט שבועות, אַלע ייִדן האָט דער אייבערשטער געגעבן די תּורה און דאָ אין דעם הויז, כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד"...

האָט דער רבי ר׳ זושא אַ זאָג געטאָן צו זײַן ברודער: „ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ווען עמעץ איז חושד דעם אַנ׳ערן אין עפּעס וואָס איז נישטאָ אין אים, פון וואַנען איז געדרונגען, אַז ער דאַרף אים מפייס זײַן, און דאָס איז נישט גענוג, ער דאַרף אים אויך בענטשן? ווײַל עס שטייט געשריבן, אַז ווײַל עלי הכּהן האָט חושד געווען חנהן אין שיכּרות, האָט ער זי געבענטשט: ,דער גאָט פון ישראל זאָל נאָכקומען דײַן פאַרלאַנג׳. איך האָב חושד געווען די ייִדענע וועגן קרויט. בענטשן לאָזט מען מיך נישט, וועל איך דאָ מתפּלל זײַן. גיי דו קיין מעזריטש געזונטערהייט. האָב אַ פריילעכן יום־טוב, און זײַ מיך מזכּיר פאַרן רבין."

סך הכל עטלעכע מײַל ווײַטער איז מעזריטש, די הייליקע חברותא, און ער דאָ אָן אַ מנין אַפילו. דער רבי ר׳ זושא האָט געדאַוונט ביחידות, דער קרעטשמער מיט זײַן ווײַב האָבן געשלונגען דעם רבינס ווערטער און געווען מלא שׂימחה, וואָס דער אייבערשטער האָט זיי מזכּה געווען אַזאַ פּירזאָגער אויף יום־טוב.

דער רבי ר׳ זושא האָט זיך מתכוון געווען אָנצוהייבן די תּפילות באותו הרגע, וואָס מ׳האָט זיך געשטעלט דאַווענען אין מעזריטש. די חסידים אין מעזריטשער בית־המדרש איז געווען אַ חידוש, וואָס דער רבי ר׳ בער איז אַזוי מאריך אין די תּפילות. נאָר דער רבי ר׳ אלימלך אַליין האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רבי ר׳ בער וואַרט אויף די תּפילות פון רבי ר׳ זושא, און דער רבי ר׳ זושא האַלט מיט דעם אַרענדאַר און זײַן ווײַב, וואָס די עברי קומט זיי נעבעך אָן שווער.

דער תּיקון ליל שבועות האָט זיך פאַרצויגן ביז שחרית. דער רבי ר׳ זושא האָט געדאַוונט שחרית, דער אַרענדאַר און זײַן ווײַב האָבן מיטגעהאַלטן. דער רבי האָט געלייענט „אַקדמות״, דער אַרענדאַר און זײַן ווײַב האָבן שוין מיטגעהאַלטן נאָך דעם ניגון, די עברי איז געווען פאַר זיי צו שווער. אָט קומט דער רבי צו קריאת התּורה. נישט ס׳איז דאָ אַ מנין, נישט ס׳איז דאָ אַ ספר־תּורה, און דאָס לייענען פון ערשטן טאָג שבועות איז דאָך נישט סתּם לייענען. דאָרט אין מעזריטש הערט מען ממש די קולות וברקים, די דונערן און בליצן פון מתּן־תּורה. און ווען מען הערט דעם בעל־קורא וואַכט פאַר אַ הרף עין אויף דער זיכּרון ווען מען האָט עס געהערט צום ערשטן מאָל. דעמאָלט ווען מען איז צוזאַמען מיט די יוצאי מצרים און מיט אַלע ייִדישע נשמות געשטאַנען במעמד הר סיני.

לייענען די תּורה איז טאַקע אַ דבר גדול, אָבער דער עיקר איז מקיים צו זײַן אירע מיצוות, און ער איז דאָ געבליבן לשם מיצווה, האָט דער רבי ר׳ זושא זיך געטרייסט. אַ חומש האָט דער אַרענדאַר יאָ געהאַט, האָט דער רבי אויפגעמישט פּרשת „יתרו״ בײַם פּסוק „בחודש השלישי״ און געזאָגט מיט גרויס כּוונה: „כּדי מייחד צו זײַן הקדוש ברוך הוא און זײַן שכינה דורך דעם וואָס איז פאַרהוילן און פאַרבאָרגן, אין נאָמען פון

גאַנץ ישׂראל. כ׳בין אַנגעברייט צו לייענען און לערנען די מיצוות פון באַשאַפער, זאָל זײַן געלויבט, כדי כ׳זאָל וויסן ניזהר צו זײַן מיט זיי, זיי אָפּצוהיטן און מקיים זײַן, אמן.״

נאָך דעם ,לשם ייחוד׳ האָט דער רבי אַרויסגעלייענט די קריאה פונעם חומש.

דעם צווייטן טאָג שבועות איז די יאָרצײַט נאָך דעם הייליקן בעל שם טוב און דער עיקר: די יאָרצײַט פון דוד מלך ישׂראל, און מע לייענט מגילת רות. דעם טאָג האָט זיך דעם רבין ר׳ זושא גערדאַוונט מיט אַ ניגון, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכעס נישט געהערט. פייגל זענען אַרײַנגעפלויגן דורכן אָפענעם פענצטער און מיטגעזונגען. דער גאַנצער יציר האָט מיטגעזונגען, און ס׳האָבן זיך געהערט עפּעס מתי־קותדיקע קלאַנגען, ווי אַ פידל וואָלט געשפּילט. די פידל איז דעם רבין ר׳ זושא שוין יאָ געווען אַ חידוש. ממה נפשך, וואָס פאַר אַ שייכות קאָן עס האָבן צו די תּפילות, אַ ייִד טאָר דאָך איצט נישט שפּילן פידל מחמת חילול יום־טוב?

דער רבי ר׳ זושא איז געבליבן אין דער קרעטשמע אויך נאָך יום־טוב און געלערנט תּורה מיט גרויס כּוונה. די סודות התּורה, וואָס זענען אים דאָרט נתגלה געוואָרן זענען ממש אין לשער ואין לספּר. דער שׂכל פון אַ פּשוטן בשׂר ודם קען דאָס גאָרנישט באַנעמען.

אַז דער רבי ר׳ זושא האָט זיך געזוימט און נישט געקומען אויך נאָך יום־טוב, האָט דער רבי ר׳ בער געשיקט נאָך אים אַ שליח מיוחד.

„כ׳על, בלי נדר, נישט פאַרלאָזן די פיר ווענט,״ האָט ר׳ זושא געענטפערט, „ביז דער רבי וועט אויסבעטן אַ בן־זכר פאַר דעם הויז.״

„עמעצער גרעסער פון מיר האָט עס שוין אויסגעבעטן״, האָט דער רבי ר׳ בער מודיע געווען.

און מען האָט מער נישט באַדאַרפט קיין שליחים. דער הייליקער ר׳ בער האָט גערעדט אין מעזריטש, און דער רבי ר׳ זושא האָט געהערט אין דער קרעטשמע. אַ פּשוטער בשׂר ודם איז דען בכּוח משׂיג צו זײַן ווי גרויס ס׳איז דער כּוח פון אַ צדיק? דער רבי ר׳ זושא האָט שוין פאַר־שטאַנען, אַז ס׳איז טאַקע געווען אַ פידל, וואָס ער האָט געהערט בײַם

תיקון און ביַי תפילות. דער ווינט האָט געשפּילט אויף דעם „כּינור של דוד". די ווענט פון דער קרעטשמע האָבן אויערן וואָס הערן פון זייער וויַיט. האָט ער געטראַכט און ס'איז צו אים אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז סיַי דער אַרענדאַר, סיַי זיַין וויַיב שטאַמען טאַקע מגזע דוד.

ביַים געזעגענען האָט דער רבי ר' זושא געזאָגט צו דער ייִדענע: „אַז דער אייבערשטער וועט איַיך, אם ירצה השם, בענטשן מיט אַ בן־זכר, זאָלט איר אים אַ נאָמען געבן נאָכן זיידן דוד".

די אישה האָט זיך געחידושט פון וואַנען דער אורח ווייסט, אַז איר טאַטנס טאַטע, עליו השלום, האָט געהייסן דוד. אָבער דער רבי האָט מתכוון געווען צו אַן אַנדער דוד, צו דוד מלך ישראל, זיַין זכות זאָל אונדז ביַישטיין.

— — — — — — — — — — — — —

„זאָלסט וויסן זיַין, זושא," האָט דער רבי ר' בער שפּעטער געזאָגט דעם אַניפּאָלער צדיק, „אַז יעדעס יאָר אין שבועות, באותו הרגע ווען דוד המלך, עליו השלום, איז נפטר געוואָרן, ווערט אַראָפּגעשיקט אַ נשמה, וואָס איר שורש איז מגזע דוד. עס וואַקסט אויס אַ גדול, וואָס זיַין תורה און זיַין צידקות מאַכט אים ראוי צו ווערן דער גואל צדק. דער דור דאַרף נאָר ראוי זיַין."

מזה פאַרשטייט מען שוין, אַז דעם צווייטן שבועות איז ביַי דעם אַרענדאַר געבוירן געוואָרן אַ בן־זכר און אויסגעוואַקסן אַ צדיק יסוד עולם. נאָר דער דור איז, כּנראה, נישט ראוי געווען.

איַי, טאַטע זיסער אין הימל! אויב דער דור, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל הייליקע צדיקים איז נישט ראוי געווען, ואנחנו עפר ואפר, מיר זענען דאָך, בעוונותנו הרבים, קעגן זיי ווייניקער ווי שטויב. ס'מוז דאָך אָבער פאָרט נעמען אַ סוף צו ייִדישע צרות! זאָל דער זכות פון די הייליקע צדיקים פון פריִערדיקע דורות אונדז ביַישטיין, מיר זאָלן זוכה זיַין צו זען דעם קץ במהרה בימינו, אמן.

דער כּוח פֿון דער תּורה

אַ מתנגד שוטה מיינט, אַז אַ צדיק דאַרף נאָר דאַווענען, לערנען, און טאָן אַלץ, וואָס איז געבאָטן פון הימל. ווי קאָן אַ מתנגד תופס זייַן אַז די גרויסקייט פון צדיק איז טייל מאָל דאָס, וואָס ער שטעלט זיך, כּביכול, קעגן הימל.

מאָלט אייַך אויס ביי אַ מלך בשׂר ודם אַזאַ זאַך: דער מלך האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה. שטעלט זיך קעגן אים איינער פון זייַנע עבדים און גיט זיך אַ פרעג: „דער שופט איבער דעם גאַנצן לאַנד זאָל נישט טאָן וואָס איז רעכט?"

מע וואָלט אים אוודאי אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פאַר מרידה במלכות.

ווען דער רבונו של עולם האָט גוזר געווען סדום זאָל אומקומען פאַר אירע זינד, האָט אַברהם אָבינו אַ געשריי געטאָן, טאַקע מיט די ווערטער: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" און דער אייבערשטער האָט זיך געדונגען מיט אַברהמען און זיך פאַרענטפערט פאַר אים.

אַן אמתער צדיק שטעלט אייַן ביידע וועלטן אויסצופועלן אַ ישועה פאַר זייַן דור.

אַ חסיד שוטה מיינט אַז ווען דער רבונו של עולם איז גוזר אַ גזירה קאָן דער צדיק קומען, גוזר זייַן דאָס פאַרקערטע, און עס בלייַבט ווי דער צדיק האָט געזאָגט.

דער מדרש זאָגט טאַקע: „ווען די צדיקים זענען גוזר, טוט הקדוש ברוך הוא מקיים זייַן זייערע רייד." ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען עס איז נישטאָ פון פריִער קיין גזירה פון הימל. אָבער ווען דער הימל האָט שוין גוזר געווען אַ שטראָף, קאָנען די צדיקים נאָר מתפלל זייַן. טייל מאָל ווערט זייער תפילה אָנגענומען, די גזירה ווערט בטל.

עס טרעפט אָבער, מע זאָל באַהיט ווערן, אַז די שערי תפילה זענען פאַר־שלאָסן, אונדזערע זינד הענגען ווי שווערע געוויכטער אויף די תפילות פון די צדיקים, זיי קאָנען נישט אויפשטײַגן צום הימל.

מיינט עץ, אַז די צדיקים זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? חלילה! זיי שטורעמען דעם הימל מיט דעם איינציקן געווער, וואָס איז זיי געבליבן. זיי גייען מיטן כוח פון דער תורה. וואָרעם דער הימל, פונקט ווי די ערד, האַלט זיך מיטן כוח פון דער תורה, ווי די גמרא זאָגט: „אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ.״ ר׳ חייא בר אמי האָט געזאָגט אין עולא׳ס נאָמען: „זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן האָט הקדוש ברוך הוא זיך איבערגעלאָזט נאָר די דלת אמות פון הלכה.״

טאַקע מיטן כוח פון הלכה האָט דער הייליקער ליזענסקער, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין, אָפּגעשאַפט אַ ביטערע גזירה. און אַזוי איז געווען די מעשׂה:

אין יענע צייטן האָט דער קייסער פון מדינת עסטרייך און גאַליציע גוזר געווען, אַז אַ ייִד טאָר נישט פירן זײַן טאָכטער צו דער חופה איידער ער באַצאָלט צום מלכס אוצר פיר הונדערט גילדן.

פיר הונדערט גילדן איז אין יענע צײַטן געווען אַ גרויסע מטבע. אין גאַליציע, ווו ייִדן האָבן זיך קוים מפרנס געווען, איז זעלטן געווען עמעצער וואָס זאָל קאָנען אָפּשפּאָרן אַזוי פיל געלד. בתולות זענען גע־בליבן זיצן אין טרויער. זייער געוויין און ביטער געשריי איז געגאַנגען ביז צום הימל. דער קיטרוג איז אָבער געווען גרויס, זייער געבעט איז נישט באַגיטיקט געוואָרן. יונגע מיידלעך זענען אַלט געוואָרן אין עלנט. ייִדישע קהילות זענען געווען אין טרויער, עס האָט זיך מער נישט גע־הערט אויף די ייִדישע גאַסן דאָס קול פון שׂמחה און מונטערקייט פון אַ חתן און אַ כלה. און די ייִדן פון גאַליציע זענען געזעסן, נישט הײַנט געדאַכט, אבלים וחפויי ראש.

אין אַ דאָרף נישט ווײַט פון ליזענסק האָט געוווינט אַ ייִד אַ בן־תורה און ירא־שמים, ר׳ פייבל. דער פייבל האָט געהאַט פינף טעכטער. אויף די ייִנגסטע הגיעה לפירקה, האָט שוין דערגרייכט דעם עלטער

פון חופּה. שידוכים וואָלטן געווען. נאָר ווער האָט געהאַט אַזוי פיל גאָלד צו באַצאָלן דעם חופּה־שטייער ?

ר׳ פייַבלס קינדער זענען געווען כּשרע צניעותדיקע ייִדישע טעכ־טער. אָפּגעהיטן וויַיבערישע מיצוות, אָבער אַפילו שבת און יום־טוב, אַפילו אין מיטן זמירות האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ ביַי אַ טאָכטער, אַ קרעכץ ביַים וויַיב.

„נו אָ, וקראת לשבת עונג, שבת טאָר מען נישט זיַין טרויעריק,״ האָט ר׳ פייַבל געשטראָפט זיַינע בני־בית און, נישט פאַר אונדז געדאַכט, אַליין אַריַינגעפאַלן אין עצבות. „דער אייבערשטער וועט העלפן,״ האָט ער געטרייסט די קינדער, און טאַקע זיך אַליין. „מען מוז האָבן ביטחון.״

טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן זענען געלאָפן. די עלטסטע טאָכטער איז שוין געוואָרן פינף און צוואַנציק. אין איר עלטער איז שוין פייַבל געווען אַ טאַטע פון אַלע זיַינע פינף טעכטער. ווען וועט שוין די ישועה קומען ?

טרעפט זיך, אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט, אַז אַ שכן אַן ערל, דווקא נישט קיין שלעכטער גוי, קומט צו ר׳ פייַבלען מיט אַ מענה־לשון. דער שכן האָט געבומען אויסלויבן די מעלות פון ר׳ פייַבלס עלטסטער טאָכ־טער. איז דאָך שוין געגנוג בזיון, מחמת דער ערל האָט גערעדט, כּדרכּם, מיט אַ לשון וואָס איז איבער דער טבע צו אַ ייִדישן אויער. ער האָט גערעדט וועגן דער גזירה, וואָס איז גורם ר׳ פייַבלס טעכטער זאָלן פאַר־זיצן ביז אין די גרויע צעפּ אַריַין.

האָט ר׳ פייַבל געמיינט, אַז דאָס פאָלק בונטעוועט זיך קעגן מלכות פון וועגן דער שלעכטער גזירה. ווער ווייסט ? אפשר וועט אַזוי אַרום קומען די ישועה. אָבער דער ערל האָט גאָר עפּעס אַנדערש אין זינען געהאַט. זיַין וויַיב איז אים געשטאָרבן. ער האָט קליינע קינדער, אַ באַ־לעבאַטעשאַפט, בכן וויל ער — — ווי צו די אויערן, וואָס האָבן דאָס געמוזט הערן.

ווי קאָן דער רבונו של עולם דאָס צוהערן און שוויַיגן ? האָט ר׳ פייַבל אויסגעשריגן. ער איז אַוועקגעלאָפן קיין ליזענסק, אַריַינגעפאַלן

צום רבין, זכרונו לברכה, מיט אַ געשריי: „הייליקער רבי, כ׳וויל אַ דין־תּורה מיטן רבונו של עולם!״

ווי נאָר די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון ר׳ פײַבלס מויל האָט ער זיך דערשראָקן — סכּנות נפשות. ער האָט געמיינט דער רבי וועט, חלילה, אים פאַרשעלטן פאַר זײַנע רייד קעגן בורא־עולם.

„דו ווילסט אַ דין־תּורה מיטן רבונו של עולם?״ האָט דער רבי איבערגעפרעגט.

„גיט מיר אַרויס אַ תּשובה, הייליקער רבי,״ האָט ר׳ פײַבל געוואָלט בעטן, אָבער נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט.

„דער רבונו של עולם היט אָפּ זײַן תּורה און אירע דינים.״ האָט דער רבי געזאָגט. „ע׳מיר האָבן אַ דין־תּורה פאַר אַ בית־דין פון דרײַ דיינים.״

באותו רגע האָט אַ שליטן זיך פאַרהאַלטן הינטערן פענצטער. דער רבי אלימלך האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער טיר. „שלום־עליכם, אַפּטער רב,״ האָט ער אויסגערופן, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער הייליקער „אוהב ישראל״ פון אַפּט.

ר׳ פײַבל האָט קוים געגלויבט זײַנע אויגן, ווען די טיר האָט זיך ווידער געעפנט און ער האָט דערזען דעם „חוזה״ פון לובלין, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין.

„האָבן מיר, ברוך השם, אַ בית־דין,״ האָט דער רבי אלימלך געזאָגט. „ע׳מיר האָבן אַ דין־תּורה.״

צוזאַמען מיט ר׳ פײַבלען און דעם משמש איז געווען אַ האַלבער מנין. מען האָט אַרײַנגעבראַכט נאָך פינף ייִדן פון בית המדרש. דער בית־דין האָט זיך אויסגעזעצט בײַם טיש. ר׳ פײַבל — קעגן דעם בית־דין, די אַנדערע אין דער זײַט, בײַ דער וואַנט. אַלע — דער גאַנצער מנין אין ווײַסע קיטלען, די טליתים אַריבערגעצויגן איבער די פּנימער, ווי בעתן דוכענען פון די כּוהנים.

מע זאָל נישט געפרווט ווערן מיט אַזאַ פּחד ווי עס איז, נעבעך, באַפאַלן דעם ר׳ פײַבל. דעם רבינס קול האָט אים אויפגעמינטערט: „זאָל

דער תּובע פֿײַבל בן שׂרה לאה אַרויסלייגן זײַנע טענות פֿאַר דעם בית־דין צדק."

ר' פֿײַבל האָט זיך אָנגעגורט מיט כּוח און אָנגעהויבן:

„השם יתברך האָט אונדז געגעבן די תּורה הקדושה. אין דער תּורה זענען פֿאַראַן זעקס הונדערט און דרײַצן מיצוות, וואָס דער אייבערשטער האָט אונדז געגעבן זיי אָפּצוהיטן און מקיים צו זײַן. די ערשטע פֿון די תּרי"ג מיצוות איז וואָס דער השם יתברך האָט אונדז געבאָטן וועגן פּריה ורביה. ווי ס'שטייט אין פּסוק ,און גאָט האָט צו זיי געזאָגט פֿרוכ־פּערט אײַך און מערט אײַך'. חוץ דעם האָבן וועגן דער מיצווה פֿון חתונה מאַכן קינדער, פֿון הכנסת כּלה, אונדז געלערנט די חז"ל. הייליקער בית־דין, פֿאַראַן כּלות, וואָס זייער צײַט איז געקומען, פֿאַראַן חתנים, ברוך השם, אָבער אַ גזירת המלכות לאָזט נישט זיי פֿירן צו דער חופּה."

„טאָ, וואָס פֿאַרלאַנגט דער בעל־דין פֿײַבל בן שׂרה לאה?"

„השם יתברך איז דער האַר איבער אַלע האַרן, דער מלך איבער אַלע מלכים, ווי קאָן ער דערלאָזן אַ גזירה פֿון אַ מלך בשׂר ודם וואָס איז מבטל די ערשטע מיצוות עשׂה אין זײַן תּורה? אַז ייִדן קאָנען נישט חתונה האָבן און ברענגען קינדער אויף דער וועלט, וואָס בלײַבט פֿון דעם רבונו של עולמס ברכה צו אַברהם אָבינו, זײַנע קינדער זאָלן זיך מערן ווי דאָס זאַמד אויפֿן ברעג ים? הייליקע צדיקים — —"

ר' פֿײַבלען איז ווידער דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן. „זאָל דער תּובע נישט האָבן קיין פּחד," האָט דער אָפּטער געזאָגט. „כּי עץ החיים היא למחזיקים בה. די תּורה איז אַ בוים פֿון לעבן און איז מגין אויף די וואָס האַלטן זיך אין איר. האָט דער תּובע נאָך עפּעס צו זאָגן?"

ר' פֿײַבל האָט ממשיך געווען זײַן טענה. „ווען חנה, דאָס ווײַב פֿון אלקנה, האָט נישט געהאַט קיין קינדער האָט זי, לויט ר' אליעזר, געטענהט צום רבונו של עולם: ,ואיך אתּה עושׂה תּורתך פלסתר'. איך, פֿײַבל בן שׂרה לאה, ברענג צום רבונו של עולם מײַן טענה מיט די ווערטער פֿון שמואל הנביאס מאַמע. אויב די גזירה וועט נישט אָפּגעשאַפֿט ווערן, וועט די מיצוות עשׂה פֿון פּריה ורביה זײַן, חלילה, אַ

לײדיק װאָרט, און דער צוזאָג צו אונדזערע אָבות, חס ושלום, אַ פֿאַלש־קײט.״

װי נאָר ר׳ פײַבל האָט דערהערט די װערטער אַרױסקומען פֿון זײַן אײגן מױל איז ער אַװעקגעפֿאַלן אין חלשות. דער משמש האָט מורא געהאַט צוצוגײן, געמײנט דער תּובע איז געשטראָפֿט געװאָרן װי, חלילה, אַ לעסטערער.

„זאָל דער תּובע, פֿײַבל בן שׂרה לאה, זאָגן קלאָר װאָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון דעם נתבע,״ האָט דער חוזה פֿון לובלין אױסגערופֿן.

כּהרף עין האָט פֿײַבל זיך געשטעלט אױף די פֿיס און געענטפֿערט: „כ׳פֿאַרלאַנג דער רבונו של עולם זאָל מבטל זײַן די גזירה װעגן די פֿיר הונדערט גילדן חופּה־שטײַער.״

„די טענות פֿון דעם נתבע זענען אונדז באַװוּסט,״ האָט געזאָגט דער רבי ר׳ אלימלך, „אױב דער נתבע האָט אױסצוזעצן נאָך עפּעס װאָס מיר װײסן נישט, קעגן די טענות פֿון דעם תּובע, זאָל ער עס מגלה זײַן צו דעם בית־דין, מחמת מיר װעלן פּסקענען לױט די דינים פֿון דער תּורה הקדושה — אַ דין אמת.״

אַזאַ שטילקײט װי עס האָט אײַנגעטרעטן אין דער בית־דין־שטוב איז שױן נישט געװען בנימצא זינט דעם ערשטן „יהי״ פֿון מעשׂה בראשית. װער קאָן דען מגלה זײַן װאָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן. אױב דער אָרעמער דמיון פֿון אַ בשׂר ודם װאָלט זיך געקאָנט אױסמאָלן, װאָס עס האָט זיך געטאָן אױפֿן באַרג סיני בעת מתּן־תּורה, בשעת מען האָט געהערט דאָס קול פֿון בורא עולם אַלײן, װאָלט ער אפֿשר אױך געקאָנט באַנעמען, װאָס ס׳איז דעמאָלט געשען פֿאַר דעם בית־דין פֿון די דרײַ הײליקע צדיקים. ר׳ פֿײַבלען און די אַנדערע ייִדן פֿון מנין האָט אַרומ־גענומען אַזאַ ציטערניש און פֿלאַטערניש, אַז כּמעט פּרחה נשמתם. נאָר דער כּוח פֿון הײליקן בית־דין האָט זײ מציל געװען, זײ זאָלן נישט, חלילה, אױסגײן פֿון פּחד. אױב עס װאָלט געװען נאָר זײַן צרה װאָלט דען ר׳ פֿײַבל גענומען אױף זיך די סכּנה? ער האָט אײַנגעשטעלט בײדע װעלטן, מחמת ס׳איז געװען אַ צרת רבים. אַ גזירה קעגן אַלע ייִדן פֿון עסטרײַך און גאַליציע.

פלוצעם האָט זיך דערהערט דאָס קול פון דעם הייליקן אָפּטער: „ביי אונדז איז מען זיך נוהג צו הייסן די בעלי־דין אַרויסגיין ווען די דיינים באַראָטן זיך וועגן פּסק. אָבער השם יתברך — די וועלט איז דאָך פול מיט זיין כבוד. לית אתר פנויה מיניה — אַן אָרט אָן אים איז דאָך גאָר־נישט בנמצא — און היות אַ בית־דין טאָר נישט נושא־פּנים זיין איין בעל־דין קעגן דעם אַנדערן, זאָל פייבל בן שׂרה לאה אויך דאָ בלייבן.״

ס'איז גאָר נישט גלייך אַריינצוקלערן וואָס ס'איז געשען נאָך דעם. מע דאַרף פאַרשליסן דעם דמיון נישט אַריינצוקוקן אין דעם, פּונקט ווי ס'איז אַ סכּנה אַריינצוקוקן אין דער „מעשׂה מרכּבה...״

אין דער פּחדימדיקער שטילקייט האָט זיך פלוצעם דערהערט דאָס קול פון דעם רבין ר׳ אלימלך: „ברענגט מיר אַ גמרא גיטין!״

מע דאַרף זיך משער זיין, אַז דער משמש האָט מורא געהאַט אַרויפ־צורוקן דעם טלית און אָפּדעקן די אויגן. אָבער אַז די דריי הייליקע צדי־קים האָבן געוואָלט האָבן די גמרא גיטין, וואָלט דען געווען אַ חידוש אויב דער משמש האָט זי געפונען מיט פאַרמאַכטע אויגן?

דער חוזה פון לובלין האָט גענומען די גמרא פון דעם משמש, אויפ־געמישט דף מ״א, און אַלע דריי הייליקע צדיקים האָבן גענומען לערנען אויפן קול:

„מי שחציו עבד וחציו בן חורין... אַז צוויי מענטשן האָבן געהאַט בשותּפות איין קנעכט. איינער האָט אים באַפרייט, און ער איז געוואָרן אַ האַלבער ייִד מצד דעם וואָס האָט אים האָט אים באַפרייט, און געבליבן אַ האַל־בער קנעכט מצד דעם וואָס האָט אים נישט באַפרייט. מיט אַ ייִדישער טאָר ער נישט חתונה האָבן ווייל ער איז נאָך אַ האַלבער קנעכט, מיט אַ שיפחה טאָר ער נישט חתונה האָבן, מחמת ער איז שוין אַ האַלבער ייִד. האָט דען דער רבונו של עולם נישט באַשאַפן די וועלט, אַז זי זאָל זיך מערן? ווי אין פּסוק שטייט: 'נישט צו בלייבן וויסטעניש האָט ער זי באַשאַפן נאָר צום באַוווינען זי געפורעמט.' דערום צווינגט דער בית־דין דעם אַנדערן האַר ער זאָל אויך באַפרייען דעם עבד, ער זאָל קאָנען חתונה האָבן מיט אַ ייִדישער.״

ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן פֿאַר אַ רגע. אין דער רגע האָט יעדער אין בית־דין־שטוב געפֿילט, ווי די גאַנצע וועלט וואַקלט זיך אויף אירע יסודות. פלוצעם האָבן אַלע דריי צדיקים זיך אויפֿגעשטעלט. דער רבי ר׳ אלימלך האָט אויפֿגעהויבן די גמרא, געטייטלט מיט זיין הייליקן פֿינ־גער צו דער משנה. אַלע דריי דיינים האָבן אַרויפֿגעקוקט אין דער הויך און אויסגערופֿן אין איין קול:

„דער בית-דין דאָ צווינגט דעם האַר אויבן, ער זאָל באַפֿרייען זיינע עבדים זיי זאָלן קאָנען חתונה האָבן!‟

— — — — — — — — — — — — —

מען דאַרף דען נאָך דערציילן וואָס ס׳איז ווייטער געשען? נאָך איידער דער „חוזה‟ און דער „אַפּטער‟, זייערע זכותים זאָלן אונדז ביי־שטיין, האָבן פֿאַרלאָזט ליזענסק, איז שוין אָנגעקומען די בשורה, אַז די גזירה פֿון דעם חופּה־שטייער איז בטל געוואָרן. אַזוי זאָל מען אונדז מבשׂר זיין פֿון הימל בשׂורות וואָרהאַפֿטיקע און רעכטפֿאַרטיקע. אָמן, כּן יהי רצון.

עיקר שכחתי: ס׳איז כּדאַי מפֿרסם צו זיין. אויב אַ ייִדן קומט, לא עלינו, אָן שווער צו טאָן שידוכים, זאָל ער, למען השם, שיקן אַ קוויטל צום קבר פֿון דעם חסיד ר׳ פֿייבל, עליו השלום. די דין־תּורה איז אים אַוודאי פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַ זכות, אַ סימן — אַ סך ייִדישע טעכ־טער זענען באַגיטיקט געוואָרן מיט שידוכים דורך אַ תּפֿילה אויף זיין קבר. ווי אַזוי, מיינט עץ, בין איך, ברוך השם, געהאָלפֿן געוואָרן מיט שידוכים פֿאַר, קיין עין הרע, אַלע מיינע טעכטער?

דער כּוח פֿון ביטחון

עס איז געווען צייט אַראָפּצונעמען די הייוון פון דעם נייעם וויין, אָבער לייבלען ווייַנמאַכער האָט אָנגעכאַפּט אַזאַ תשוקה צו זיין אין ריי־זשין, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן. דאָס ווייב האָט זיך אַזש צעוויינט: דער וויין וועט קאַליע ווערן, און דאָס לייזונג פאַרן פסחדיקן וויין האַלט אונטער דאָס הויז אַ גאַנץ יאָר. וואָס ווייסט אַ יידענע, וואָס עס מיינט זען דעם רבנ'ס ליכטיק פּנים און הערן פון זיין אייגן מויל הייליקע תורה? אים, לייבלען, גיט די נסיעה צום רבין כוח פאַר אַ סך חדשים צו טראָגן דעם יאָך פון אַ שווער וואָכעדיק לעבן.

פרייטיק־צו־נאַכטס ביים טיש זאָגט דער רבי תורה. געוויינלעך זאָגט ער עפּעס צו דער סדרה פון דער וואָך. דאָ איז שוין געווען לאַנג נאָך פּרשת תולדות און דער רבי האָט גאָר גערעדט אַרום אַ פּסוק אין תולדות „ויצעק צעקה גדולה ומרה״. עשיו איז טאַקע געווען אַ זולל וסובא און פאַרקויפט יעקבן די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן, אָבער ער האָט דערנאָך חרטה געהאַט און געוויינט. וואָס האָט יעקב אָבינו, עליו השלום, געטאָן מיט דער בכורה? ער האָט עס, חלילה, גענוצט צו דערווערבן גשמיותדיק פאַרמעגן? מיר ווייסן דאָך, אַז יעקב האָט עשיון אָוועקגעגעבן „לדורן״, ווי אַ געשאַנק אַ גרויס פאַרמעג. יעקב האָט געוואָלט די בכורה אין רוח־ניותדיקער ירושה. יעקב, דער איש תם יושב אוהלים, האָט געוואָלט אַ גרעסערן חלק אין די אוהלים פון שם און עבר, ווהין עשיו האָט אפילו נישט אַריינגעשמעקט. אָבער עשיו האָט געוויינט, יעקב האָט גורם גע־ווען דאָס געוויין. זאָגט די גמרא, אַז איבער דער זינד, וואָס יעקב האָט גורם געווען עשיוס טרערן, זענען יעקבס קינדער געשטראָפט געוואָרן מיט טרערן אין גלות.

ער איז אַוועקגעלאָפן פון דער היים צום רבינס בית המדרש, וואָס איז טאַקע אין דער בחינה פון די געצעלטן פון שם ועבר, אָבער זײַן ווײַב האָט געוויינט. האָט לייבל געטראַכט: נישט קיין ספק, אַז דער רבי, זאָל לעבן, האָט צו דעם מכוון געווען.

לאה, זײַן ווײַב, האָט געשריגן: „ווער מיר ווײַב, וואָס מיר קינדער, דו לויפסט צום רבין הוליען!"

אויב הוליען מיינט שימחה, איז עס טאַקע אמת. איז דען פֿאַראַן אויף דער זינדיקער וועלט אַ גרעסערע שמחת נפש ווי זײַן אין דער מחיצה פון דעם צדיק הדור? ‚קול רינה וישועה באהלי צדיקים', דאָס געזאַנג פון תפילה, דער אָפּשיין פון דעם זיו השכינה אין די אהלי צדיקים איז שוין אַ ישועה. ווו נאָך קאָן מען זוכה זײַן שוין דאָ באַשײַנט צו ווערן פון דעם זוהר השמים.

ער האָט זיך אַלע מאָל נוהג געווען ווען ער איז געפֿאָרן קיין ריזשין מיטצונעמען אַ פּאָר פלאַשן ווײַן פאַר די יושבים, די תלמידי חכמים אין רבינס הויף. ער האָט געשטעלט דעם ווײַן זונטיק ווען עס איז געווען ראש־חודש. דער רבי איז גראָד אַרײַנגעקומען אין בית־המדרש, זײַנע הייליקע ליפּן האָבן אַ שמייכל געטאָן צו לייבלען און אַ זאָג געטאָן: „זאָלן זיי זײַן דײַן כפּרה." די יושבים האָבן זיך דערשראָקן. דער רבי האָט נישט אויפגעהערט שמייכלען. „אַז אַן עובד עבודה זרה נעמט אַן אַ תאווה וועגן ווײַן, גייט ער אין שענק אַרײַן," האָט דער רבי ווייטער געזאָגט. „אָבער אַ ייִד, וואָס למשל פֿאַרגלוסט זיך אַ ייִד? אַ ייִד קאָן זיך פֿאַרגלוסטן גיסן ווײַן אויפן מיזבח. איז דאָך בעוונותינו הרבים, חרוב געוואָרן דער מיזבח, גיבן די חז"ל אונדז אַן עצה. ‚הרוצה לנסך יין על גבי המיזבח ימלא גרונם של תלמידי חכמים יין'. אַז אַ ייִד פֿאַרגלוסט זיך מנסך צו זײַן ווײַן אויפן מיזבח, זאָל ער געבן די תלמידי חכמים ווײַן צו טרינקען. די כוונה איז קלאָר, ווי עס שטייט געשריבן: ‚כל זמן שבית המיקדש קיים מיזבח כפרה הוא לישראל בכל מושבותיהם. ובזמן שאין בית המיקדש קיים תלמידי חכמים הם כפרה לישראל. ווען עס איז נישטאָ

דער בית המיקדש, פאַרטרעטן די תּלמידי חכמים דעם מיזבח׳ געבן זיי ווייַן ביי אַ סעודת מיצווה איז מכפּר, פּונקט ווי גיסן ווייַן אויפן מיזבח. זאָלט עך טאַקע זייַן צו לייבלען אַ שיינע ריינע און גוטע כּפּרה.״

דער רבי איז באַלד צוריק אַוועק אין זייַן חדר, און אַלע האָבן שוין געאַנט, אַז עס הענגט אַ סכּנה איבער לייבלס קאָפּ און אַז דער רבי שטייט אויף דער וואַך.

אַז דער רבי איז נאָך אַמאָל אַרייַנגעקומען, האָט לייבל שוין פאַר־שטאַנען, אַז ער דאַרף רחמים. עס איז געווען אַ סעודת ראש־חודש, מען האָט געטרונקען לחיים ווען דער רבי איז אַרייַנגעקומען. „ס׳איז אַ סברה,״ האָט דער רבי געזאָגט, „אַז ווען יידן טרינקען אַ כּוס ווייַן און ווינטשן זיך לחיים, איז עס מכפּר אויף זייערע זינד. די אותיות פון וואָרט כּ ו ס זענען ראשי תּיבות. די ווי שטייט פאַר ,ויאמר׳, די סמך פאַר ,סלחתי׳, די כּיו פאַר ,כּדבריך׳.״

„עס פעלט דאָך דער אות פאַר ,השם׳?״ האָט עמעצער געפרעגט.

„אַז איין ייִד טרינקט אַליין פעלט טאַקע דער שם. אָבער אַז צוויי יידן טרינקען, צוויי יודן זענען אַ שם...״

נאָך דעם אַלעם איז לייבל ווייַנמאַכער אַהיימגעפאָרן מיט דעם ביטחון, אַז זייַן זינד פון גורם זייַן טרערן צו זייַן ווייב איז אים שוין פאַרגעבן געוואָרן. אָבער דער שטן מקטרג גיט זיך נישט אַזוי לייַכט אונטער.

לייבל איז אַרייַן אין שטוב אַ האָפּערדיקער. אַ זאָג געטאָן „גאָט־העלף״ צום ווייַב, זייַן חומש־בחורל אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און אים געפרעגט, וואָס עס איז די סדרה פון דער וואָך. ער איז צוגעגאַנגען צום צוויי־יאָריקן מיידעלע: „אַנו, מאַך אַ ברכה, וועל איך דיר געבן אַ צוקערל. זאָג מיט מיר: ברוך אתּה...״

געזען אַז אַלע זענען, ברוך השם, געזונט, איז לייבל מיט אַ לייַכט האַרץ אַוועק צו זייַן ווייַנקעלער. נאָך איידער ער האָט געעפנט די טיר איז דער ריח אים אַקעגנגעקומען. דער ווייַן האָט איבערגעזוירן און אַרויסגעשאָסן פון די פעסער. די פעסער זענען געשווומען אין אַ טייַך פון איבערגעזויערטן ווייַן און הייוון.

לייבל האָט זיך דערמאָנט דעם רבינס ברכות און איז געווען מלא ביטחון אַז דער אייבערשטער וועט ממלא זײַן. ער האָט דערהערט אַ ווייגעשריי פון אַ ייִדיש ייִנגעלע, איז ער אַרויסגעלאָפן אין גאַס. שקצים זענען באַפאַלן אַ ייִנגעלע, וואָס איז געגאַנגען אין חדר אַרײַן. לייבל האָט אַוועקגעיאָגט די אָנפאַלערס, אָבער זיי האָבן נאָר געוואַרט ער זאָל אַוועק, זיי זאָלן זיך ווידער קאָנען נעמען צו זייער קרבן. לייבל האָט געוואַכט ביז דאָס ייִנגעלע איז אַרײַן אין אַן אַנדער גאַס.

ווען לייבל איז אַרויס אין געשעפֿט האָט ער נישט פאַרמאַכט די טיר צום קעלער. האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ גויישקער שכן און געזשלאָקעט גלײַך פון די פעסער.

„געוואַלד, דו מאַכסט דאָך מיר טריף מײַן ווײַן!" האָט לייבל געשריגן.

„אַז עס וועט נישט זײַן פאַר דײַן סינאַגאָגע, וועט עס זײַן פאַר מײַן קירכע," האָט געענטפערט דער ערל, וואָס איז שוין געווען אַ ביסל באַטרונקען.

איצט איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז דער ווײַן איז יין־נסך. און לייבל האָט גלײַך אַרויסגעשלעפּט אַלע פעסער און זיי איבערגעקערט אין רינשטאָק אַרײַן. אַ שיכּור איז אַ חזיר, איז ער צוריקגעקומען און זיך אויסגעצויגן טרינקען גלײַך פון רינשטאָק. ווען ער האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן איז ער געפאַלן און צעבראָכן אַ דיך. דער ערל האָט געמאַכט אַ בילבול, אַז לייבל האָט בכיוון אַ גאַס געטאָן שליימיקע הייוון אונטער זײַנע פיס.

עס איז געקומען צו אַ מישפּט. זייער שופט האָט געפסקנט, אַז דער ייִד דאַרף באַצאָלן פיר הונדערט דוקאַטן צו דעם גוי, וואָס איז איבער אים לאָם געוואָרן.

„פון וואַנען זאָל איך נעמען אַזוי פיל גאָלד, אַז דער שיכּור האָט טריף געמאַכט מײַן גאַנצן ווײַן, איך האָב עס געמוזט אויסגיסן און אָנגעווירן אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט," האָט לייבל געטענהט מיט דעם שופט.

קאָן דען אַ גוי פאַרשטיין דעם ענין יין־נסך? איז פון לייבלס טענה געוואָרן אַ נײַער בילבול, אַז מיטן אויסגיסן דעם ווײַן ווײַל אַ גוי האָט

עס אָנגערירט האָט דער ייִד פּוגע בכּבוד געווען אַלע גויִים. צו די פיר הונדערט דוקאַטן פאַר דעם לאָם־געוואָרענעם שיכּור זענען צוגעקומען נאָך פיר הונדערט, אַ שטראָף פאַר באַליידיקן אַלע קריסטן. דער שופט האָט געגעבן לייבלען דריי חדשים צייַט צו באַצאָלן די שטראָף, אָדער, חלילה, באַצאָלן מיטן לעבן.

אַלץ וואָס לייבל האָט פאַרמאָגט איז געווען ליידיקע פעסער, און חובות... יאָ, עפּעס ליגן דאָרטן אין דעם דריטן קעלער פאַרשימלטע פלאַשן האַלב פאַרגראָבן אין דער ערד. אַז מען נוצט קיין מאָל נישט דעם דריטן קעלער, ווערמען אַרט עס אַז עס ליגן דאָרטן אַלטע פלאַשן. ווען לייבל איז נאָך געווען אַ קינד זענען די פלאַשן שוין דאָרט געלעגן. זיין טאַטע, בעריש ווייַנמאַכער, עליו השלום, האָט זיך צו זיי נישט צוגע־רירט. די פלאַשן מוזן שוין דאָרט ליגן פון די צייַטן פון זייַן זיידן און אפשר נאָך לענגער. ער שטאַמט פון דור־דורות ווייַנמאַכערס. וועגן לייבלס אַן עלטער־עלטער־זיידן גייען אַרום גאַנצע לעגענדעס אַז ער האָט פאַר־קויפט, אָדער גאָר געקויפט, ווייַן מעבר לים. אפשר ליגן דאָרט די ליי־דיקע פלאַשן נאָך פון יענע צייַטן.

אַז לייבל איז געוואָרן, לא עלינו, אַ מחוסר לחם, האָט ער זיך דער־מאָנט אין די אַלטע פלאַשן. אַז ער וועט גוט אויסוואַשן די פלאַשן, קאָן ער באַקומען אפשר אַ גרייַצער פאַר אַ פלאַש. די צרה איז נאָר, וואָס אַלטע ווייַנפלאַשן איז שווער אויסצוואַשן. אויסגעגראָבן איינע און געזען, אַז די פלאַש איז פול און פאַרזיגלט. קאָן עס זייַן ווייַן?

זייַן טאַטע, עליו־השלום, איז שוין געווען אַן אָרעמאַן און געמאַכט נאָר ביליקן ראָזשינקע־ווייַן, און לייבל איז שוין געווען, ווי מע זאָגט עס, אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס. ווו געפינט מען דאָ אַ מבין אויף אַלטן ווייַן. איז לייבל אַוועק מיט דער פלאַש צו ר׳ שעיהלע נגיד און זיך גע־הייסן באַצאָלן צען גרייַצערס פאַר דער איינער פלאַש.

דער גביר האָט דערקענט, אַז ס׳איז אַן אַלטע פלאַש און באַצאָלט דעם פרייַז. ר׳ שעיהלע האָט באַלד געעפנט די פלאַש, אַרייַנגעגאָסן אַ ביסל אין אַ גלעזל און געמאַכט אַ ברכה. ער האָט אַ זופּ געטאָן און זיך צעהוסט און צעניסט און פאַרשפּיגן מיט דעם טונקעלן געטראַנק זייַן

גאַנצע ריפּסענע יובעצע. „גיב מיר צוריק די צען גרייַצער, האָסט גורם געווען איך זאָל מאַכן אַ ברכה לבטלה. ס׳איז זויער און עס רייַסט דעם האַלדז.״

אַז לייבל איז צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט האָט דאָס ווייַב זיך צעווייַנט. זי האָט נישט קיין שטיקל ברויט פאַר די קינדער. „מע דאַרף האָבן ביטחון,״ האָט לייבל זי געטרייסט. „,מאן דיהיב חיי יהיב מזונא׳, ווער עס גיט לעבן, גיט אויך צום לעבן.״

„אָבער די אַכט הונדערט דוקאַטן,״ האָט דאָס ווייַב געקלאָגט.

„וועגן דעם וועל איך, אם ירצה השם, פאָרן צום רבין.״

דער רבי האָט אַ גלעט געטאָן זייַן באָרד און געזאָגט: „אַז דו ביסט געלאָפן ראַטעווען אַ ייִדיש קינד, ביסטו דאָך געלאָפן טאָן אַ מיצווה. די חכמים זאָגן ,שליחי מיצווה אינן ניזוקין׳, אַ שליח צו אַ דבר מיצווה קאָן נישט געניזוקט ווערן. עס קאָן נישט געמאָלט זייַן עס זאָל דיר פון דעם, חלילה, אַרויסקומען אַ רעה.״

לייבל איז צוריקגעקומען אַ פרייליכער און דערציילט דעם ווייַב, וואָס דער רבי האָט געזאָגט.

„אָבער ס׳איז דאָך יאָ אַרויסגעקומען אַן אומגליק,״ האָט זי געקלאָגט.

אַ כּעס איז אויפגעגאַנגען אין לייבלען וואָס דאָס ווייַב דערוועגט זיך מתרעם זייַן קעגן רבינס רייד. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז די חכמים האָבן אָנגעזאָגט: „איתתך גוצא גחין ותלחש לה״, אַז דייַן ווייַב איז אַ נידעריקע, הייַנו, זי איז נידעריקער פון דיר אין וויסן, אָדער ביטחון, בייזער זיך נישט. בייג זיך אַראָפּ צו איר מדרגה, ולחיש לה, און שעפּטשע איר אין אויער אַרייַן מיט ווייכע שטילע ווערטער ביז זי וועט עס משיג זייַן. האָט לייבל זי געהייסן זיך זעצן, און איר געגעבן צו פאַרשטיין. „וואָס ווייסן מיר, און וואָס פאַרשטייען מיר צו זאָגן דעם רבונו של עולם, ווי אַזוי צו פירן די וועלט. איין זאַך ווייסן מיר יאָ, ,כּל מאי דעביד רחמנא לטב עביד׳. אַלץ וואָס דער רחמנותדיקער, דאָס מייַנט דעם אייבערשטן וואָס איז אַ קייל רחום וחנון, אַלץ וואָס ער טוט, טוט ער צום גוטן. מען דאַרף גלויבן אין דעם און האָבן ביטחון.״

לייבלס ווײַב איז געווען אַן אישה כּשרה, אָבער עס איז פאַריבער אַ חודש און די נויט איז געוואָרן נאָך גרעסער. איז זי שוין אַליין אַוועק צום רבין מיט אַ געוויין. „די טעג לויפן. אַז די צײַט וועט קומען און עס עס וועט נישט זײַן צו באַצאָלן, וועלן די רשעים, חלילה, נישט האָבן קיין רחמנות.״

„ער איז געווען אַ שליח־מיצווה. ס׳קאָן נישט זײַן עס זאָל, חלילה, דערפון אַרויסקומען אַ רעה,״ האָט דער רבי זיך געהאַלטן בײַ דאָס זײַ־ניקע.

„הייליקער רבי, מײַן לייבל גייט יעדן טאָג דאַוונען מיטן ערשטן מנין. ער גייט איבערן מאַרק ווי נאָר עס הייבט אָן טאָגן. אויב עס זאָל באַשערט ווערן אַ מציאה, עמעצער וועט בײַ נאַכט פאַרלירן, וועט לייבל אין דער פרי — —״

„לייבל איז אַ בעל־ביטחון,״ האָט דער רבי געענטפערט. „ביטחון איז אַ גרויסע זאַך.״

נאָך אַ חודש איז פאַרביי. לייבלס ווײַב איז ווידער געלאָפן צום רבין. זי האָט געבאָרגט געלט און געקויפט אַ צעטל אויף אַזאַ מין גורל וואָס דאָס מלכות רופט לאָטעריע. דאָס גרויסע געווינס איז טויזנט דור־קאָטן. אַכט הונדערט דאַרף לייבל צו באַצאָלן — —

„לייבל איז געווען אַ שליח־מיצווה, ס׳קאָן נישט זײַן עס זאָל אַרויס־קומען דערפון אַ רעה,״ האָט דער רבי ווידער געזאָגט.

דער טאָג פון ציִען דעם גורל פון דער לאָטעריע איז אויסגעפאַלן איין טאָג פאַר דעם יום הדין, ווען לייבל האָט באַדאַרפט באַצאָלן די אַכט הונדערט דוקאַטן. זײַן ווײַב האָט געזען דערין אַ גוטן סימן. דער גורל־טאָג איז געקומען און אַוועק. לייבלען איז נישט צוגעפאַלן דאָס גרויסע געווינס, און אַפילו נישט קיין קליין געווינס. אַ נײַער חוב איז אים צוגעפאַלן צוריקצוצאָלן דאָס געלט, וואָס זײַן ווײַב האָט געבאָרגט צו קויפן דעם לאָטעריע־צעטל.

דאָס ווײַב האָט געקלאָגט בדמעות שליש. לייבל האָט זי געטרייסט. „דו מיינסט, אַז דער אייבערשטער דאַרף דו זאָלסט געפינען פאַר אים

עצות, אַ מציאה, אַ לאָטעריע? דער רבונו של עולם האָט זײַנע אייגענע דרכים.״

„אויף וואָס וואַרט ער? מאָרגן איז דער לעצטער טאָג.״

„אונדזערע חכמים זאָגן: אַפילו ווען אַ שאַרפע שווערד ליגט שוין אויף דײַן האַלדז, זאָלסטו נישט אויפהערן וואַרטן אויף רחמים.״

„אָבער עס איז דאָך שוין, ממש, די לעצטע מינוט!״

„דער אייבערשטער דאַרף אַפילו נישט קיין גאַנצע מינוט. זײַן הילף קאָן קומען כּהרף עין, אין איין אויגנבליק.״

עס זענען אויסגערונען די שעהען פון דעם לעצטן טאָג. „זאָג ווידוי, לייבל,״ האָט זײַן שווער אים געעצהט.

„עס קאָן נישט זײַן, אַז פון אַ מיצווה זאָל גאָר אַרויסקומען אַ רעה,״ איז לייבל נאָך אַלץ געווען פול מיט בּיטחון.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. „וואָס זאָל איך טאָן?״ האָט דאָס ווײַב גע־קלאָגט. „זיי וועלן, חלילה, באַלד קומען.״

אַ געקלאַפּ פון קאַפּיטעס האָט טאַקע זיך דערנענטערט.

„וואָס זאָל איך טאָן, לייבל?״

„האָפן. דער אייבערשטער איז אַ בטוח, האָב ביטחון.״

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. אַ צעיאַכמערטער פון שנעלן רײַטן איז אין דער טיר געבליבן שטיין דער פּריץ בכבודו ובעצמו.

„דו ביסט דאָס דער ווײַנמאַכער? וויפל ווײַן האָסטו?״

„ליכטיקער פּריץ, ס׳איז געשען אַן אומגליק — —״

„ווײַז מיר דײַנע ווײַן־קעלערן.״

אַ ברירה האָט ער געהאַט? לייבל איז געגאַנגען פאָרויס צו ווײַזן דעם וועג, הינטער אים דעם פּריצס משרת מיט אַ שטורקאַץ צו באַלײַכטן דעם וועג, הינטער זיי איז געריטן דער פּריץ מיט זיין גאַנצער סוויטע.

איין קעלער מיט ליידיקע פּעסער, דער פּריץ איז געגאַנגען ווײַטער. אין דעם צווייטן קעלער איז געלעגן איבערגעקערט די פלאַש, וואָס ר׳ שעיהלע נגיד האָט געהאַט געעפנט. דער פּריץ האָט גענומען שניפן מיט

דער נאָז, אַ כאַפּ געטאָן די ליידיקע פלאַש און אַ שמעק געטאָן צו איר. „דו האָסט מער, ייִד? ליגנער נישט!״

„קיין ווײַן האָב איך נישט, נאָר דאָס האָב איך דאָרט, אין דעם דריטן קעלער.״

זיי זענען אַרײַן אין דעם דריטן קעלער. לייבל האָט אויסגעגראָבן אַ פלאַש און דערלאַנגט דעם פריץ. אַז קיין ווײַן איז עס נישט, מעג ער עס דאָך געבן דעם פריץ צו האַלטן. דער פריץ האָט געעפנט די פלאַש. צו ערשט אַ שמעק געטאָן און באַלד אויך אַ זופּ געטאָן. „דו האָסט דאָ אַן אוצר, ייִד. וויפל ווילסטו?״

„צען דוקאַטן פאַר אַ פלאַש, האָט לייבל זיך דערשראָקן פון די ווער־טער, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון זײַן אייגן מויל, ווי אַ רוח שטות וואָלט אַרײַן אין אים. ער האָט שוין געוואָלט זאָגן דעם אמת, אַז ר׳ שעיהלע האָט עס שוין פאַרזוכט. אז עס איז נישט קיין ווײַן, נאָר זויער, און עס רייסט די קעל. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט דער פריץ אַרויסגעשריגן צו זײַנע מענטשן: „ברענגט אַרײַן דאָס גאָלד.״ לייבל איז נאָך געשטאַנען ניבהל ונשתומם ווען דער פריץ האָט אים אַ פרעג געטאָן: „אַ ליידיק פאַס האָסטו?״

אַ שאלה אַ ביסל, צי ער האָט אַ ליידיק פאַס. ער האָט אַ פולן קעלער מיט ליידיקע פעסער.

מען האָט אַרויסגעגראָבן פון דער ערד אַ פלאַש נאָך אַ פלאַש. לייבל האָט גאָרנישט געוווסט, אַז דאָרט זענען פאַראַן אַזוי פיל פלאַשן. גאָלדענע דוקאַטן זענען געפאַלן אין לייבלס פאַס אַרײַן, דוקאַט נאָך דוקאַט.

צו מאַכן אַ לאַנגע מעשה קורץ: עס איז געווען די והותר צו באַ־צאָלן די שטראָף, צו באַצאָלן אַלע חובות, און דער לייבל איז נאָך, ברוך השם, געבליבן אַ גביר עצום. מע זאָגט, אַז דער פריץ איז פלוצעם עולה לגדולה געוואָרן, נתמנה געוואָרן צו ווערן אַ מיניסטער, צי אַ שני למלך, און געדאַרפט דעם ווײַן צו מאַכן אַ סעודה פאַר די גרעסטע שרים. אַנ־דערע זאָגן, אַז דער מלך בכבודו ובעצמו איז געגאַנגען אויף יאַגד און האָט פאַרבלאָנדזשעט. דער פריץ האָט אים געפונען און געבראַכט צו זיך אין פּאַלאַץ, און געוואָלט מאַכן לכבוד דעם קיניג אַ משתה גדול.

פֿאַראַן יש אומרים, אַז עס איז נישט געווען קיין מלך און נישט קיין פּריץ און אפילו נישט קיין ווײַן. אַז דער אייבערשטער וויל העלפֿן, האָט ער זײַנע שליחים, און אַז עס איז באַשערט, קאָן עסיק ווערן זיס צום גומען און זויערס קאָן ווערן מעדני מלך. עס קאָן גאָר געמאָלט זײַן, אַז זינט דעמאָלט איז ביי די שׂררות געוואָרן די מאָדע צו טרינקען זויערן ווײַן. זיי רופֿן עס געצערטער ווײַן, און עס איז בײַ זיי אַ גאַנצער יחוס. יהי רצון, אַז דער זכות פֿון ביטחון זאָל אונדז אַלעמען בײַשטיין. מיר זאָלן זוכה זײַן צו זען, ווי עס ווערט באַגיטיקט דער אַלטע יידישער ביטחון, און מיר זאָלן טאַקע טרינקען פֿון דעם יין המשומר צוזאַמען מיט משיח צידקנו אין די טעג פֿון דער גאולה שלימה, במהרה בימינו, אָמן.

דער כּוח פֿון אַ ברכה

די מעשׂה האָט דערציילט דער טשאָרטקאָווער רבי ר׳ דוד משה זיכרונו לברכה, און ער האָט עס אַליין געלייענט אין אַן אַלטן פּנקס פון דער טשאָרטקאָווער קהילה וואָס גייט צוריק ביז די טעג ווען דער רב אין טשאָרטקאָוו איז געווען ר׳ צבי הירש הלוי איש הורוויץ, וואָס גע־רופן האָט מען אים ר׳ הירשעלע טשאָרטקאָווער. און אַזוי איז געווען די מעשׂה:

ר׳ הירשעלע האָט יאָרן געזאַמלט און אָוועקגעלייגט דוקאַט צו דו־קאַט — אַ נדן פאַר זײַן בת־זקונים. דער רב האָט שוין געהאַט אָנגע־זאַמלט פינף הונדערט גאָלדענע דוקאַטן און זיי געהאַלטן אין שופלאָד פון זײַן טיש אין בית־דין־שטוב ביז עס וועט אונטערקומען אַ פּאַסיקער שידוך.

ר׳ הירשעלען האָט משמש געווען אַ בחור מאיר־אַנשל. דער מאיר־אַנשל האָט מיט מזל חתונה געהאַט קיין סניאַטין און דאָרט זיך געעפנט אַ געוועלב פון שניט־סחורה. דער רב איז צופרידן געווען צו הערן, אַז זײַן געוועזענער משמש גייט אַ סך צדקה, אַ סימן, אַז ער איז מצליח אין מיסחר.

דערווייל האָט אָנגערוקט דער יום־טוב פּסח. ר׳ הירשעלע האָט זיך נוהג געווען, אַז ער האָט בודק־חמץ געווען אין יעדן ווינקל, אין יעדן שפּאַלט, אַפילו וווּ מען איז קיין מאָל מיט קיין חמץ נישט צוגעקומען. ער האָט געעפנט דאָס שופלאָד, וווּ ער האָט געהאַלטן די פינף הונדערט דוקאַטן — — ניין, ס׳איז דאָרט נישט געווען קיין חמץ. קיין דוקאַטן זענען אויך נישט געווען — אַ ליידיק שופלאָד.

דער רב האָט געפרעגט די רביצין, די רביצין האָט געפרעגט די טאָכטער. ס׳גאַנצע בני־בית איז זיך צוזאַמענגעלאָפן. אַ געוויין, אַ בהלה.

האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן: „דער שמש מאיר־אַנשל, זאָגט מען, איז פלוצעם נתעשר געוואָרן.״

האָט דער רב געענטפערט: „זאָל אים וויל באַקומען. ער איז אַ ירא־שמים, און מע זאָגט ער איז געוואָרן אַ בעל־צדקה.״

„וואָס קומט אָן שווייס, גיט מען אָן טרערן,״ האָט די רביצין זיך אָנגערופן.

האָט דער רב שוין פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און עס אָפּגעוואָרפן. „מאיר אַנשל איז אַן ערלעכער און אָרנטלעכער יונגערמאַן. סײַ ווי סײַ, עס איז נישטאָ קיין צײַט צו קלאָגן איבערן געלט. מצה און ווײַן האָבן מיר, ברוך השם, און איצט דאַרף מען אויסרוימען דאָס חמץ.״

פאַר יום־טוב האָט מען שוין טאַקע גאָר נישט געקאָנט טאָן, אָבער ווי נאָר ס׳איז געוואָרן אויס יום־טוב האָט דאָס גאַנצע הויז־געזינט זיך אָנגעזעצט אויף דעם רב ער זאָל אַרײַנפאָרן קיין סניאַטין אַ רעד טאָן מיט דעם מאיר־אַנשל.

ווען מאיר־אַנשל האָט זיך דערוווסט, אַז ר׳ הירשעלע איז געקומען קיין סניאַטין, איז ער אים אַקעגנגעלאָפן מיט גרויס שימחה און מיט גרויס כּבוד אים געבראַכט צו זיך אין הויז. ער האָט געוויזן דעם רב את רוב עשרו, זײַן געוועלב פול מיט סחורה. ער האָט זיך באַוויזן מיט זײַן ווײַב, און דער רב האָט גאָר אַ קרעכץ געטאָן.

„איך זע אַז דער רבי האָט עגמת־נפש. עס איז נישט דעם רבינס שטייגער צו זײַן אַ שרוי בצער, דערצו נאָך אום חול־המועד,״ האָט מאיר אַנשל זיך געוווּנדערט.

„וואָס זאָל איך טאָן, אַז בעת דו ביסט נתעשר געוואָרן איז מיר, נישט פאַר קיין שום ייִד געדאַכט, געשען אַן אומגליק. פון שופלאַד אין טיש פון מײַן בית־דין־שטוב זענען נעלם געוואָרן פינף הונדערט דוקאַטן, אַלץ וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט דורך אַ סך יאָרן.״

מאיר־אַנשל האָט נישט באַלד געענטפערט. עפּעס איז אים געווען קשה. ר׳ הירשעלע האָט געזאָגט „בעת דו ביסט נתעשר געוואָרן" און נישט צוגעגעבן „ברוך השם". קאָן דען זיין, אַז דער רב, חלילה — — מאיר־אַנשלען איז דאָס בלויז אַנטרינען פון פּנים. ער האָט געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן און ווידער געשוויגן. צום סוף האָט ער אַ זאָג געטאָן: „כ׳מוז עס פריִער איבעררעדן מיט מיין ווייב" און ער איז אַרויס אין גע־וועלב.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און מאיר־אַנשל איז צוריקגעקומען מיט אַ זעקעלע געלט. ער האָט דאָס זעקעלע דערלאַנגט דעם רב: „דאָס האָב איך, צוויי הונדערט דוקאַטן. מער האָב איך נישט איצטער, אָבער איך וועל אויסצאָלן דאָס איבעריקע, מיטן אייבערשטנס הילף, איינציק־וויַיז, וואָך ביי וואָך."

ר׳ הירשעלע איז געווען צופרידן וואָס זיינע בני־בית זענען נישט ניכשל געוואָרן, ווי ער האָט מורא געהאַט, אין חושד זיין אַן אומשול־דיקן. ער האָט אויך געהאַט צער, וואָס דער מאיר־אַנשל איז נעבעך יאָ ניכשל געוואָרן אין אַזאַ מיאוסער זאַך. אָבער ווי עס וויַיזט אויס האָט ער חרטה. אמתע תשובה ווישט אָפּ זינד.

דער טשאָרטקאָווער רב האָט מיט מזל חתונה געמאַכט זיין בת־זקונים און, ברוך השם, געהאַט פון איר נחת. דער מאיר־אַנשל האָט יעדע וואָך געבראַכט צום רב אַ פּאָר דוקאַטן. עס זענען אָנגעקומען שמועות, אַז מאיר אַנשל איז, לא עליכם, געוואָרן אַ יורד, דאָס געוועלב כּמעט ליידיק פון סחורה. מען האָט געזאָגט, אַז עס איז אים שוין שווער מיט פּרנסה און ער פאַרקויפט אויס דעם ווייבס אויסשטייַער און חפצים פון שטוב. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעצאָלט נאָך צוויי הונדערט דוקאַטן, האָט ר׳ הירשעלע אים געזאָגט: „מאיר־אַנשל, איך ווייס ווי להוט דו ביסט צוריקצוצאָלן ביז דער לעצטער פּרוטה, אָבער אַז עס קומט דיר אָן שווער מאַכט נישט אויס אויב עס וועט נעמען אַ ביסל לענגער. איך באַטראַכט עס ווי אַ הלוואה..."

מאיר־אַנשל האָט אויף דעם נישט געענטפערט און וויַיטער יעדן פרייַטיק געבראַכט עטלעכע דוקאַטן.

אין טשאַרטקאָוו איז געווען אַ ייִד משהל אַרענדאַר, וואָס האָט גע־האַלטן אין אַרענדע דעם פּריצס קרעטשמע. ויהי היום, איין מאָל איז געקומען אין קרעטשמע דעם פּריצס אַ פּויער טרינקען בראָנפֿן. ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען נאָך, און נאָך. משהל האָט מורא געהאַט ער וועט נישט האָבן צו באַצאָלן, האָט דער פּויער אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש אַ גאָלדענעם דוקאַט.

די אָרעמע פּויערים קאָנען קוים צוזאַמענקראַצן אַ פּאָר גריַיצער, ווי קומט צו דעם פּויער אַ גאָלדשטיקל? האָט משהל זיך געוווּנדערט. אָבער אַז יענער האָט באַצאָלט האָט ער געמוזט דערלאַנגען בראָנפֿן.

דער פּויער איז ווידער אַ מאָל געקומען מיט אַ גאָלדענעם דוקאַט און געזאָגט, אַז ער האָט עס געפֿונען אין וואַלד. ווען דער פּויער איז אַ דריט מאָל געקומען מיט אַ דוקאַט און ווידער געזאָגט, אַז ער האָט עס געפֿונען, איז דער ענין שוין געוואָרן גאָר חשוד. לאו בכל יומא מתרחש ניסא, נישט יעדן טאָג געפֿינט מען אַ גאָלדענעם דוקאַט.

אַ וואָך שפּעטער איז דער פּויער ווידער געקומען מיט אַ גאָלדענעם דוקאַט. האָט דער ייִד שוין פֿאַרשטאַנען, אַז די דוקאַטן זענען אַוודאי געגנבֿעט, משהל האָט נישט געוואָלט האַלטן ביַי זיך געגנבֿעט געלט. ער האָט אַוועקגעטראָגן די פֿיר דוקאַטן צום פּריץ און אים אַלץ דערציילט.

דער פּויער האָט געשריגן, אַז דאָס זענען נישט דעם ליכטיקן פּריצס דוקאַטן. דער פּריץ האָט נישט אויפֿגעהערט שלאָגן, און דער פּויער האָט מודה געווען אַז נישט ער האָט געפֿונען די דוקאַטן, נאָר זיַין וויַיב, נישט אין וואַלד, נאָר אין דעם רבס בית־דין־שטוב, אין דעם שופֿלאָד פֿון טיש. זיַין וויַיב גייט אַלע מאָל אין רבס הויז שיַיערן די פּאָדלאָגעס צו מאַכן אַ פּאָר עקסטרע גריַיצער. ווען דאָס וויַיב האָט געבראַכט דעם אוצר האָט ער עס באַגראָבן ביַי זיך אין הויז. עס זענען שוין אַריבער באַלד צוויי יאָר, האָט ער געמיינט, אַז ער קאָן איצט שוין אַרויסנעמען אַ ביסל געלט.

דער פּויער האָט אַוועקגעפֿירט דעם פּריץ צום אָרט ווו דאָס געלט איז געווען באַגראָבן. דאָס זעקעלע מיט געלט איז דאָרט געווען, עס האָבן געפֿעלט נאָר די פֿיר דוקאַטן, וואָס משהל האָט געגעבן דעם פּריץ.

עס איז געוואָרן אַ מהומה אין טשאַרסקאָוו ווען מען האָט געזען, אַז דער פּריץ גייט צום רב. דער רב האָט זיך דערשראָקן ערשט ווען דער פּריץ האָט געפרעגט צי עס איז ביי אים געשען אַ גנבה. דער רב האָט געענטפערט: יאָ, מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק. אַז דער מאיר־אַנשל צאָלט צוריק, פאַר וואָס אים איבערגעבן אין גוייִשע הענט?

„מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, פאַר פּאַסכע,‟ האָט דער פּריץ גע־געבן מער פּרטים.

„אַז דער ליכטיקער פּריץ ווייסט שוין אַלץ, וואָס קאָן איך זאָגן? כּוויל נאָר זאָגן, אַז ער האָט נישט געמיינט צוצונעמען. ער האָט עס נאָר געוואָלט באָרגן.‟

„באָרגן?‟

„אַזוי ווייַזט עס אויס. ער האָט עס כּמעט אין גאַנצן צוריק גע־צאָלט.‟

„דער פאַן ראַבין ווייסט דען ווער?‟

„וואָס איז דען דער חילוק? אויב איך מעג עפּעס בעטן דעם ליכ־טיקן פּריץ — — איך וויל נישט עמעצער זאָל צוליב מיר באַשטראָפט ווערן. אין אונדזער גמרא שטייט געשריבן ,פּרצה קוראה לגנב׳, וואָס מיינט, אַז מע דאַרף גוט פאַרשליסן, אַז נישט רייצט עס דעם גנב. איך האָב עס געהאַלטן דאָ, אין דעם שופלאָד. מיט אַ פּשוט מעסער קאָן מען אַראָפּדריקן דעם שלאָס.‟

„אַזוי זאָגט זי טאָקע. זי האָט אַרייַנגעשטעקט אַ מעסער און אַראָפּ־געקוועטשט דעם שלאָס. אָבער אַז דער פאַן ראַבין זאָגט: ,ער האָט שוין אָפּגעצאָלט׳, רעדן מיר נישט וועגן דער זעלביקער גנבה.‟

„דער ליכטיקער פּריץ האָט געזאָגט ,זי׳? אַ זי האָט געגנבעט?‟

„די פּויערטע, וואָס שייַערט ביי אייַך די פּאָדלאָגעס.‟

„וואָס האָט זי געגנבעט?‟

„זאָל דער ראַבין זאָגן וואָס אים פעלט.‟

דער רב האָט שוין גאָר נישט געוווּסט וואָס דאָ טוט זיך. „רביצין, רביצין,‟ האָט דער רב גערופן. „ווער האָט דאָ געשייַערט די פּאָדלאָגעס מיט צוויי יאָר צוריק?‟

„וואָס הייסט ווער? די וואָס שיַערט אַלע מאָל, יאַדוויגאַ."

„איז עפּעס נעלם געוואָרן פון הויז, ווען זי האָט דאָ געאַרבעט פאַר פּסח מיט צוויי יאָר צוריק?"

„מיר אַלע ווייסן, וואָס עס איז נעלם געוואָרן פאַר פּסח מיט צוויי יאָר צוריק. געלויבט דער אייבערשטער, ער האָט שוין צוריקגעצאָלט מער ווי פיר הונדערט."

„נו, אומזיסט באַמיט דעם ראַבין," איז דער פּריץ געקומען צו דער מסקנא. „איך רעד וועגן אַ גנבה וואָס איז נישט צוריקגעצאָלט געוואָרן. די פיר דוקאַטן וואָס פעלן האָט ער פאַרזויפן ביַי משהן אין דער שענק, אָבער באמת פעלט גאָר נישט, וויַיל דער משה איז אַן אָרנטלעכער זשידעק און מיר געגעבן די פיר דוקאַטן."

„פאַרזויפן? ניין, מיר רעדן טאַקע נישט וועגן דעם זעלביקן מענטש."

„וויפל האָט מען ביַים ראַבין צוגעגנבעט."

„פינף הונדערט דוקאַטן, נישט היַינט געדאַכט."

„און דאָס געלט איז געלעגן דאָ, אין שופלאָד?"

„נישט אין בלויזן שופלאָד," האָט די רביצין זיך אַריַינגעמישט, „ס'איז געלעגן אין אַ סאַמעטן זעקעלע."

„וואָס פאַראַ קאָליר איז געווען דאָס זעקעלע?"

„אַ זעקעלע פון גרינעם סאַמעט פאַרצויגן מיט אַ רויט שנירל."

„גרין און רויט, האַ? ברענג אַריַין דאָס זעקעלע," האָט דער פּריץ באַפוילן איינעם פון זיַינע משרתים.

„מיַין! ס'איז אונדזער זעקעלע!" האָט די רביצין אויסגעשריגן ווען זי האָט דערזען דאָס זעקעלע.

„יאָ, ס'איז אונדזער," האָט דער רב באַשטעטיקט.

„פאַר וואָס דען האָט דער רב געזאָגט, אַז מען האָט שוין צוריקגעצאָלט?

דער רב האָט דערציילט דעם פּריץ ווי מאיר־אַנשל האָט גענומען אויף זיך צוריקצוצאָלן. דער פּריץ האָט בשום־אופן נישט געקאָנט משיג זיַין פאַר וואָס דער מאיר־אַנשל האָט עס געטאָן. אַן ערל, וואָס איז פאַר־

טאָן מיט יאַגד און הוליאַנקעס און שיכּרות, ווי קען ער משׂיג זײַן די גרויסקייט פֿון אַ ייִדישן בעל־מידות?

ר' הירשעלע טשאַרטקאָווער איז תּיכּף אַוועקגעפֿאָרן קיין סניאַטין. עס איז אים שווער געווען צו געפֿינען מאיר־אַנשלען מחמת ער האָט געהאַט פֿאַרלוירן זײַן געוועלב און זײַן דירה. ר' הירשעלע האָט אים סוף כּל סוף געפֿונען ערגעץ אין אַ האַלב־חרובער קעלערשטוב, וווּ ער האָט איצט געוווינט צוזאַמען מיט זײַן ווײַב. אין דעם פֿינצטערן קעלער איז ליכטיק געוואָרן ווען ר' הירשעלע איז אַרײַנגעקומען מיט דער בשׂורה און מיט דעם געלט. די פֿיר הונדערט דוקאַטן וואָס דער רבֿ האָט איצט צוריקגעגעבן מאיר־אַנשלען זענען, ממש, געוואַשן געוואָרן מיט מאיר־אַנשלס טרערן און אויך מיט די טרערן פֿון דעם צדיק ר' הירשעלע פֿאַר וועמען מאיר־אַנשל און זײַן ווײַב האָבן בדעה אחת מקריב געווען אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט. ר' הירשעלע האָט זיך געשיידט מיט זיי מיט אַ ברכה, אַז אין דעם זכות וואָס זיי זענען גרייט געווען מקריב צו זײַן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן, זאָלן זיי זוכה זײַן צו גרויס עשירות, וואָס זאָל זיך האַלטן בײַ זיי, בײַ זייערע קינדער און קינדס־קינדער פֿאַר דור־דורות.

ווען דער טשאַרטקאָווער רבֿ איז צוריקגעקומען אַהיים איז שוין דאָרט געווען אַ שליח פֿון פּריץ, דער מאיר־אַנשל זאָל קומען צו אים. ער וויל טאָן מיסחר מיט דעם איידעלן מענטש. דער מיסחר מיט דעם טשאַרטקאָווער פּריץ איז נאָר געווען אַ התחלה. איין פּריץ האָט אים ממליץ געווען צום אַנדערן, איין שׂר צם אַנדערן. די געשעפֿטן זענען געוואַקסן, ווי מיט קפֿיצת הדרך, פֿון טשאַרטקאָוו און סניאַטין ביז פֿראַנקפֿורט אַם מײַן. יאָ, איר האָט געטראָפֿן, דאָס איז טאַקע געווען דער מאיר־אַנשל וואָס האָט דערוואָרבן דאָס גרויסע ראָטשילד־עשירות. מען דאַרף דען מפֿרט זײַן וועגן דעם פֿאַרמעגן פֿון די ראָטשילדס? זייער צדקה האָט שוין מציל געווען קהילות, זייערע הלוואות האָבן געראַטע־וועט מלוכות פֿון אונטערגאַנג. ייִדיש פֿאַרמעגן אין גלות איז ווי עס וואָלט געלעגן אויפֿן האָרן פֿון לויפֿנדיקן הירש. דער מינדעסטער ווינט קאָן עס אַראָפּבלאָזן און אויס. אַ בייזער פּריץ, אַ מלכות הרשעה קאָן אין

איין רגע אַלץ צונעמען ואין פוצה פה ומצפצף, און קיינער וועט אַפילו נישט אַ פּיפּס טאָן. אָבער וועגן די ראָטשילדס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. זייער עשירות איז געקומען פון אַ ברכה פון הייליקן ר׳ צבי הירש הלוי איש הורוויץ. אין הימל האָט מען אָנגענומען די ברכה, טאָ ווער קאָן דאָס, חלילה, ענדערן? דער כּוח פון מלכים איז ווי שטרוי קעגן פֿײַער פון מלך מלכי המלכים. קעגן דעם ווילן פון הימל איז אומ־נישט דער ווילן פון ערדישע שׂררות, און אין גיוועץ זענען זייערע תּחבולות. זאָל דער זכות פון די צדיקים בײַשטיין דעם גאַנצן כּלל יש־ראל. אָמן.

הער כוח פֿון שימחה

אַ קליייניקייט, שׂימחת־תּורה בײַם ריזשינער! ריזשין איז געווען מלכות. הוד שבמלכות! דאָרט האָט מען מער ווי ערגעץ ווו מקיים גע־ווען דעם ,זה קיילי ואנוהו', די מיצווה מצרף צו זײַן דאָס דינען דעם אייבערשטן מיט שיינקייט. די מענטשן האָבן באַשיינט די מיצוות, און די מיצוות האָבן באַשיינט די מענטשן. די ספרי־תּורה זענען געווען באַצירט מיט אויסגעמײַסטערטע קרוינען. די ידן צו טײַטלען אין דער תּורה, די ציצין, וואָס האָבן געהאָנגען איבער די תּורה־מענטעלעך, זענען געווען באַזעצט מיט איידלשטיינער. די מענטעלעך פון טײַערסטן סאַמעט און זײַד, אויסגעהאָפטן מיט פעדעם פון זילבער און גאָלד. ווען מען האָט געטראָגן די ספרי־תּורה אין הקפות אַרום דעם שולחן, האָבן די גלעקלעך אויף די קרוינען געקלימפּערט מיט אַ זילבערנעם געקלאַנג. די הבדלה־ליכט האָבן געפלאַקערט, די שׂימחת־תּורה־פענער האָבן גע־פלאַטערט, און אַ געזאַנג, — אַז דאָס חיות האָט געקאָנט אויסגיין פון מתיקות. תּורה איז שׂימחה, און חסידות איז שׂימחה. שׂימחת־תּורה אין ריזשין איז געווען שׂימחה שבשׂימחה.

געשען איז עס טאַקע בײַם ערשטן ריזשינער, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין. אָנגעהויבן האָט זיך דער שׂימחת־תּורה אָוונט, ווי אַלע מאָל, מיט דעם יום־טובדיקן מעריב. נאָך שמונה־עשׂרה און נאָכן קדיש שלם פלעגט דעם רבי, זיכרונו לברכה, זיך אויסדרייען מיט פּנים צום עולם, און דער בעל־תּפילה האָט אָנגעהויבן זינגען ,אַתּה הראת'. דאָס מאָל אָבער איז דער רבי געבליבן שטיין מיטן פּנים צו דער מיזרח־וואַנט. דער בעל־תּפילה האָט געוואַרט, קהל האָט געוואַרט. דער רבי האָט זיך אַפילו נישט געשאָקלט, ווי בעתן דאַווענען. ער איז געשטאַנען ווי, חלילה, פאַרשטיינערט. וואָס ס'איז געשען? אַז דער רבי איז דאָ, פרעגט

מען נישט קיין קשיות. מינוטן נאָך מינוטן האָבן זיך געצויגן אין שוויַי־געניש, דער רבי האָט זיך אַפילו נישט אַ ריר געטאָן. דער בעל־תּפילה האָט געקוקט צום רבינס רוקן מיט ציטערניש, עולם האָט געוואַרט אין אַזאַ אימה, ווי עס וואָלט געווען יום־כּיפּור און נישט שׂימחת־תּורה.

אַ סקריפּ פון דער שווערער טיר האָט איבערגעריסן די שטילקייט, אַ פאַרשפּעטיקטער דאַווענער איז געקומען מיט זײַן ייִנגעלע. דער רבי האָט זיך געטאָן אַ דריי אויס און אַ רוף געטאָן: „גוט יום טוב ר׳ לייבוש, גוט יום טוב בערעלע.״

סך־הכּל איז עס געווען לייבוש דער מילכיקער. נישט קיין גרויסער למדן, נישט קיין וואַזשנער חסיד. און דער רבי רופט אים גאָר רעב לייבוש. לייבוש איז, ווי אַלע מאָל, געבליבן שטיין נישט ווײַט פון דער טיר, אָבער דער רבי האָט אים גערופן און ער איז אַרויף צו דער מיזרח־וואַנט צוזאַמען מיט זיין ייִנגל. „גוט יום־טוב רבי,״ האָט לייבוש ערשט איצט געענטפערט דעם רבין. „כ׳האָב געמיינט מ׳עט שוין קומען נאָך עלינו.״ בערעלע איז געשטאַנען לעבן אים אין דאָרפישע פאַרשמאַל־ציקטע מלבושים, לייבוש האָט זיך פאַרענטפערט: „זיין שבתדיק יר־בעצל אָפּגעברענט אין פיַיער.״

„פיַיער?״

„אַ שׂריפה, נישט דאָ געדאַכט. דאָס הויז, דער שטאַל — אַלץ אַוועק מיטן רויך.״

„ווען?״, האָט דער רבי געפרעגט, כאָטש ער האָט, ווי עס ווײַזט אויס אַלץ געוווּסט.

„ערשט.״

„טאָ וואָס טוסט דו דאָ?״

„וואָס הייסט וואָס כ׳טו דאָ? ס׳איז שׂימחת־תּורה, בין איך געקומען צו הקפות.״

„בערעלע,״ האָט דער רבי איצט זיך געוואָנדן צום ייִנגל. „בערעלע, וווּ אין דער תּורה שטייט געשריבן וועגן שׂימחת־תּורה?״

„כ׳ווייס נישט.״

„אוודאי ווייסטו נישט. עס שטייט אין ערגעץ נישט געשריבן. די תּורה האָט אונדז נישט געבאָטן וועגן אַ שׂימחת־תּורה." דער רבי האָט זיך געוואָנדן צו אַ ייִד אַ למדן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים אויף דער מיזרח־וואַנט: „זאָג בערעלע ווו אין דער גמרא עס שטייט געשריבן וועגן שׂימחת־תּורה."

דער חסיד האָט אַ קלער געטאָן. „אין מסכתּא מגילה ווערט דערמאָנט אַ נייַנטער טאָג סוכּות, אַ צווייטער טאָג שמיני עצרת. נייַן, וועגן אַ יום־טוב שׂימחת־תּורה שטייט נישט געשריבן אין דער גמרא."

„דו הערסט, בערעלע ?" האָט דער רבי ווידער גערעדט צום ייִנגל. „עס שטייט נישט געשריבן אין דער תּורה, און אויך די חז"ל האָבן עס נישט מתקן געווען. פון וואַנען עס האָט זיך גענומען ? דאָס איז אַ גוטע קשיה. פון מדינת צרפת האָט מען ייִדן געטריבן, אין ספרד האָט מען זיי געברענט אויף די שייַטערס, אין אַשכּנז האָט מען זיי געקוילעט פון וועגן דער תּורה, און זיי האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז זיבן טעג נאָכן פאַרענדיקן לייענען די תּורה, נאָר תּיכּף ווי מען האָט פאַרענדיקט דעם לעצטן פּסוק פון ,וזאת הברכה' אָנגעהויבן נאָך אַ מאָל ,בראשית'. פון גרויס שׂימחה וואָס מען האָט זוכה געווען איבערצולייענען די גאַנצע תּורה און נאָך אַ מאָל אָנהייבן פון אָנהייב, פון גרויס פרייד, האָט מען גענומען טאַנצן מיט דער תּורה. אָן אַ געבאָט, פון זיך אַליין האָט זיך געשאַפן אַ שׂימחת־תּורה. דו פאַרשטייסט, בערעלע ?"

בערעלע האָט נישט פאַרשטאַנען און געפרעגט: „און ווו שטייט עס געשריבן ?"

„עס איז נישט צו ערשט געשריבן געוואָרן. עס איז קודם געוואָרן אַ יום־טוב און ערשט דערנאָך געוואָרן פאַרשריבן. אַלע ימים־טובים האָט דער אייבערשטער אונדז געגעבן. שׂימחת־תּורה איז דער יום־טוב וואָס מיר האָבן געגעבן דעם אייבערשטן. וואָס האַלטסטו אין דער האַנט, בערעלע ?"

„מייַן חומש."

„דערציייל אונדז וועגן בערעלעס חומשל,” האָט דער רבי זיך גע־וואָנדן צו לייבושן.

„וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו דערציילן, אין דעם דאָרף וווּ מיר וווינען איז נישטאָ קיין חדר. נישטאָ קיין געלט צו ברענגען אַ מלמד. אלף־בית און עברי האָב איך אַליין מיט אים געלערנט. חומש? כ׳האָב אים גע־זאָגט אַז ייִנגלעך אין זײַן עלטער, אין שטאָט, לערנען שוין חומש. האָט ער געוויינט, ער וויל אויך.”

„נו?”

„וואָס האָבעך געקאָנט טאָן, אַז די פּרנסה איז שווער, קוים פֿאַראַן אויף אַ שטיקל ברויט. אָבער דער בערל איז אַן עקשן. פֿאַרשווּנדן פֿון דער היים, טאָג נאָך טאָג. כ׳האָב שוין איבערגעקלערט. ס׳איז געווען אַ שווערער ווינטער. שנייען, זאַווערוכעס, בערל האָט נישט פֿאַרפֿעלט גיין אין שטאָט אַרײַן. אַ בחור אין בית־המדרש האָט געלערנט מיט אים חומש. איין טאָג ברענגט ער אַהיים דאָס חומשל, האָב איך זיך שוין דער־שראָקן.”

„וואָס איז דאָ פֿאַראַן זיך צו שרעקן?”

„טאָמער האָט ער עס גענומען פֿון בית־המדרש אָן קיינעמס וויסן. ער האָט אַרויסגעהאָלפֿן דעם שמש אויסקערן דאָס בית־המדרש, איינ־הייצן דעם אויוון. דער שמש האָט אים אַלע מאָל געגעבן אַ גרייצער ער זאָל זיך קויפֿן אַ צוקערל. ער האָט עס געזאַמלט און זיך געקויפֿט דאָס חומשל.”

דער רבי האָט גענומען דאָס חומשל פֿון בערעלעס האַנט. „דאָס חומשל איז אָפּגעזענגט פֿון פֿײַער.”

„נאָר דאָס חומשל? דער רבי זעט זײַנע האָר? די הענט אויך.”

„ווי אַזוי איז דאָס געשען?”

„שוין געווען אויפֿן וועג צום דאַוונען, דערשמעק איך רויך און הער בהמות שרײַען. כ׳קוק זיך אום, עס ברענט בײַ מיר. לויפֿן מיר צוריק, איך און בערעלע. אַלץ איז שוין געווען אין פֿלאַמען, דאָס הויז, די שטאַל, אַלץ! איך בין אַרײַנגעשפּרונגען אין שטאַל אַרויספֿירן די

בהמות, גאָטס לעבעדיקע באַשעפעניש׳ן. כ׳קום אַרויס, בערעלע איז נישטאָ. ווו איז דער יונג ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן? „בערל, בערל!״ שרײַ איך, און ער באַוויַיזט זיך אין אַ פענצטער, אַלץ אויף אים אין פײַער.״

„וואָס איז דער שׂכל אַרײַנצולויפן אין אַ ברענענדיק הויז?״ האָט דער רבי געפרעגט בערעלען.

„מײַן חומש איז געווען אין הויז.״

„האָסט זיך אָפּגעבריט?״

בערעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„ס׳טוט וויי?״

בערעלע האָט אַ קרעכץ געטאָן און ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„און ביסט געקומען אין בית־המדרש?״

„צו הקפות.״

דער רבי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום עולם. זײַן הייליק פּנים האָט געשײַנט, ממש, מיטן זיו השכינה. די וואָס האָבן זוכה געווען דאָס צו זען, האָבן אויך געהאַט דעם זכות צו הערן ווי דער רבי, זיכרונו לברכה, האָט מגלה געווען אַ הימלישן סוד.

„די גרויסקייט פון עם ישׂראל איז נישט דאָס וואָס מיר זענען מקיים די תרי״ג־מיצוות. אויף דעם זענען מיר דאָך ,מושבע ועומד׳, מיר האָבן געשווירן בײַם מעמד הר סיני מקיים צו זײַן די מיצוות פון דער תורה. מע דאַרף דאָך, חלילה, זײַן אַ מופקר עובר צו זײַן אויף אַ שבועה. חוץ דעם איז דאָך ,קימו וקבלו עליהם היהודים׳, אין די צײַטן פון מרדכי ואסתר האָבן מיר נאָך אַ מאָל אויף זיך גענומען מקיים צו זײַן די תורה. מע דאַרף דאָך זײַן אַ טיפּש צו ברעכן אַן אָפּמאַך מיט עמעצן וואָס קאָן עס אײַנמאָנען מיט כּוח.

„מיר האָבן אָבער דעם זכות פון ,נעשׂה ונשמע׳. נשמע, מיר וועלן הערן וואָס דער אייבערשטער וועט געבאָטן, און אַוודאי עס מקיים זײַן. אָבער חוץ דעם וועט אויך זײַן נעשׂה, מיר וועלן אַליין מוסיף זײַן און טאָן מיצוות, וואָס זענען צו אונדז נישט געבאָטן געוואָרן.

„וויסן זאָלט עץ אַז ווען ייִדן אויף דער ערד גייען צו הקפות, אַ

מיצווה וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפן, פּראַוועט מען אויך הקפות אין הימל. ווי דער בעל־התהילים האָט געזאָגט: ,כּי חוק לישראל׳, די חוקים, די מינהגים, די ימים־טובים וואָס ישראל האָט אַליין געשאַפן, ,הוא מישפּט לאלוקי יעקב׳, ווערן געזעצן, ווערט תּורה בײַם גאָט פון יעקב. מיר דאָ פרייען זיך און טאַנצן מיט דער תּורה, וואָס דער הימל האָט אונדז געגעבן, אויבן פרייט מען זיך און מען טאַנצט מיט דער תּורה, וואָס מיר האָבן געגעבן דעם הימל. אַלע פאַרברענטע פאַרמעטן, אַלע די, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער תּורה הקדושה, טאַנצן אין די הקפות אויבן. הײַנט, טאַקע איצט, ווערט מען אויבן. עס וואַרט רבי חנינה בן טרדיון, עס וואַרט די גאַנצע פמליא של מעלה. זיי וואַרטן אויף בערעלען מיט זײַן אָפּגעזענקט חומשל.״

*

אַזאַ שימחת־תּורה, אַזעלכע הקפות זענען ביז דעמאָלט אפילו אין ריזשין נישט געווען. מען האָט געפילט בחוש, אַז עס איז פאַר אַ ווײַלע אַוועקגענומען געוואָרן די מחיצה צווישן הימל און ערד. אויבן און אונטן איין תּורה, איין שימחה, און איין געזאַנג. שענער נאָך ווי דאָס זילבער און גאָלד פון תשמישי קדושה אָנגעהאָנגען אויף די ספרים, ליכטיקער ווי די דימאַנטן אויף די קרוינען, האָבן געלויכטן די אויגן פון דעם יינגל בערעלע. מיט איין האַנט האָט ער אָנגעהאַלטן די הייליקע האַנט פון ר׳ ישראלטשע ריזשינער, אין דער אַנדערער האַנט האָט ער געטראָגן זײַן אַרומגעזענקט חומשל, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם אין הימל.

מען האָט געטאַנצט כּמעט ביז עלות השחר, מען האָט פאַרענדיקט די לאַנגע הקפות, מע זאָל נאָך באַווײַזן צו עסן אַ יום־טובדיקע סעודת־מיצווה אײדער דער טאָג איז אויפגעגאַנגען. די מאכלים — טעם גן־עדן. דער עיקר אָבער איז געווען דעם רבינס תּורה וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ רוח־נבואה. מע קאָן אין דעם רבינס ווערטער אַנטפּלעקן נײַע סודות בכל דור ודור.

„טאַנצן מיט דער תּורה איז אַ ׳מעלה טובה׳ פון הקדוש ברוך הוא צו אונדז. אין דעם ,כּמה מעלות טובות׳ אין דער הגדה דאַנקען מיר דעם

אייבערשטן און זאָגן: אויב ער וואָלט אונדז געבראַכט צום באַרג סיני און אונדז נישט געגעבן די תורה, דיינו. איז דאָך קשה, וואָס וואָלט גע־ווען פאַר אונדז דער באַרג סיני אָן מתן תורה? דורך די פערציק יאָר אין מידבר זענען מיר געשטאַנען לעבן מער ווי איין באַרג.

„מיר זאָגן ,אלו קרבונו לפני הר סיני׳ די כוונה איז קרבנו המקום לעבדתו, ווי מיר זאָגן עס אין אַ פריִערדיקן שטיקל הגדה. נאָך פאַר הר סיני האָט דער אייבערשטער אונדז מקרב געווען צו דער תורה און איינגעפלאַנצט אין אונדז אַזאַ ליבשאַפט, אַזאַ בענקשאַפט, אַזאַ דורשט צו איר און אַזאַ שימחה מיט איר, אַז נאָך איידער מיר האָבן געוווּסט, וואָס עס שטייט אין איר געשריבן, נאָך פאַר נשמע, האָבן מיר זי שוין געוואָלט און געזאָגט נעשה.

„אַ סך מאָל זינט סיני האָבן גזרות און צרות גורם געווען שתשתכח תורה מישראל, אַז די תורה זאָל פאַרגעסן ווערן. אָבער די ליבשאַפט האָט אונדז צוריקגעבראַכט צו איר. אויב אין דעם לאַנגן ביטערן גלות וועט ווידער אַ מאָל אויפשטיין אַ מלכות הרשעה און וועט וועלן אָפּרייסן אַ שבט פון אונדזער פאָלק, וועט דער ,קרבונו לפני הר סיני׳ זיי ווידער ביישטיין און זיי וועלן צוריקקומען צו איר. זיי וועלן מיט מסירת־נפש טאַנצן הקפות לכבוד דער תורה, נאָך איידער זיי וועלן וויסן, וואָס אין איר איז געשריבן. דער אייביקער נעשה פאַר נשמע אין אַ נײַעם לבוש. אַ נײַער קימו וקבלו, ווי אין די צײַטן פון אַמאַליקן המן הרשע.״

ר׳ ישראלטשע ריזשינער, זכרונו לברכה, האָט געהאַט אַ ווײַטן בליק. עס קאָן געמאָלט זײַן אַז ער האָט מכוון געווען טאַקע צו אונדזער דור. דער זכות פון די צדיקים זאָל אונדז בײַשטיין און מגין זײַן אויף כל ישראל אַז מיר זאָלן שוין טאַקע זוכה זײַן צו דער צײַט פון אייביקן שימחת־תורה, במהרה בימינו. אָמן.

דער פּריץ וואָס האָט געוויינט
אוּן דער
בעל־עגלה וואָס האָט געלאַכט

דאָס איז געווען ערגעץ אין וואָלין אָדער אין קאַרפּאַטן־לאַנד. דער נאָמען פון דעם שטעטל איז מיר אַרויס פון זיכרון. און אפשר איז בעסער נישט אָנצורופן קיין נעמען, ס'לעבן נאָך אַוודאי אין יענע מקומות אָפּשטאַמיקע סײַ פון דעם פּריץ, סײַ פון דעם בעל־עגלה, וועגן וועלכן מיר ווילן דערציילן. הקיצור, עס איז דאָרט געווען אַ פּריץ — אַ גדול בײַ די פּריצים. ער האָט געהאַט אַ גרויסע אימעניע מיט דערפער און שטעטלעך, ווו די ערד האָט געהערט צו אים, און אַ סך הונדערטער פּויערים האָבן באַאַרבעט זײַנע פעלדער. מיט דער ווירטשאַפט האָט אָנגעפירט אַן עקאָנאָם. דער פּריץ איז פון צײַט צו צײַט אומגעריכט אַרײַנגעפאַלן אין זײַן הויף, און באַלד צוריק פאַרשוווּנדן. געלעבט ערגעץ אין פּאַריז, אָדער אַן אַנדער עיר הנידחת, ווו די פּריצים האָבן געשיכּורט און געהוליעט, ווי די וועלט וואָלט באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר זייער פאַרגעניגן וועגן.

איין מאָל האָט געטראָפן, דער פּריץ איז געקומען אַהיים און איז כּדרכּו אַוועק אויף יאַגד אין זײַנע וועלדער. זײַן באַליבטער הונט איז גראָד געווען חולה, איז ער געגאַנגען אָן אַ הונט. דער וואַלד איז געווען גרויס און געדיכט, דער פּריץ האָט פאַרבלאָנדזשעט. די נאַכט האָט גענומען צופאַלן. וואָס מער ער האָט געזוכט אַן אַרויסגאַנג, אַלץ מער איז ער אַרײַן אין אַ געדיכטעניש פון ביימער און קוסטעס, ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אַ מידער און אײַנגעשלאָפן.

אַ וואָיען פון הונגעריקע וועלף האָט אים אויפגעוועקט. נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך אויפצוהייבן פון דער ערד, איז אַ כאַפּטע וועלף געווען אַרום אים און אויף אים, מיט שאַרפע ציינער און שפּיציקע נעגל. זיי האָבן געריסן זײַנע מלבושים צוזאַמען מיט שטיקער לײַב. זײַנע גע־

שרייען זענען געווען כּקול קורא במדבר — אַזוי האָט זיך אים געדאַכט.

עמעצער האָט, ווײַזט אויס, יאָ געהערט. אין עפּעס אַ בײַדל אין וואַלד האָט זיך געעפנט אַ טיר און פון דער אָפענער טיר האָט געשלאָגן אַזאַ ליכט, אַז די וועלף זענען זיך צעלאָפן. דער פּריץ האָט אַוועקגעחלשט פון שרעק, צי פון יסורים. ער איז באַלד געקומען צו זיך, געעפנט די אויגן און געזען אַ יונג יידיש בחורל איז זיך מטפּל מיט זײַנע ווונדן.

דער פּריץ האָט זיך צעוויינט: „יונגער ייד, כ׳זע דאָך, אַז דו ביסט אַ הייליקער, מיט וואָס האָב איך פאַרדינט דײַן הילף?״

„דער פּריץ האָט אַ מאָל געראַטעוועט זיין יידישן אַרענדאַר פון די הענט פון זײַן עקאָנאָם, וואָס וואָלט אים פאַרשמיסן צום טויט. דער עקאָ־נאָם איז אַ מוראדיקער שונא ישׂראל.״

„ווי נאָר איך וועל צוריקקומען אין מײַן הויף, וועל איך אַרויסטרײַבן דעם עקאָנאָם, ווי מע פאַרטרײַבט אַ משוגענעם הונט. כ׳וועל צוריקקומען אין מײַן הויף?״ האָט ער האַלב געפרעגט, האַלב געבעטן. „די וועלף האָבן מיך צעשליסן אויף צוויטן.״

„צי איר וועט צוריקקומען ווענדט זיך אין אייך אַליין. עס זענען אײַך מער נישט באַשערט קיין יאָרן. אָבער איר האָט זכותים. אויב איר וועט נעמען אויף זיך אָפּצוקערן פון די קרומע וועגן, וועט אײַך געגעבן ווערן אַ געלעגנהייט.״

„מײַנע קרומע וועגן? כ׳האָב קיינעם נישט באַגנבעט, נישט באַ־גזלט...״

„דער מענטש קומט אויף דער וועלט דינען זײַן באַשאַפער, און דינען דעם מיטמענטש. דער מענטש קומט אויף דער וועלט געבן, מע לאָזט אים אויך נעמען, כּדי אַנדערע זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו געבן. אויב אַ מענטש טוט נאָר נעמען, איז עס ווי גזלה. אַ מענטש מוז טראָגן אַן עול פון דינען זײַן באַשאַפער און דינען די מענטשן...״

„דינען די מענטשן? אָבער איך בין אַ פּריץ, אַ פּריץ דינט נישט, אַ פּריץ טראָגט נישט קיין עול. דער הערשער פון דער וועלט און די הער־

שערס פון דער ערד האָבן אונדז געגעבן די פּריווילעגיעס און אונדז דערהויבן צו זיין פּריצים.״

„יעדער מענטש איז סיי אַ פּריץ, וואָס טראָגט דעם באַשאַפערס געשטאַלט, סיי אַ וואָרעם, וואָס יעדע ווילדע חיה אין וואַלד קאָן עס צעטרעטן. אַדרבא, דאָס זאָרגן פאַר זיין ברודער־מענטש, דאָס טראָגן אַן עול, ברענגט ערשט אַרויס דאָס דערהויבענע אין דעם מענטש.״

„ברודער - מענטש ? יאָ, אַנדערע פּריצים זענען מיינע ברידער, אָבער דער מוזשיק, דער פּראָסטער פּויער ? ער איז דאָך האַלב פערד, האַלב מענטש.״

„אַ פערד איז געבוירן געוואָרן צו בריקען אין דער ווילדערניש, אָבער ער ווערט געצוווּנגען צו טראָגן אַ יאָך. דער מענטש האָט דעם זכות אַליין צו נעמען אויף זיך אַ יאָך. אויב דער פּריץ איז גרייט...״

„איך, טראָגן אַ יאָך און ברענגען חרפּה אויף מיין הערב ? איך וואָלט פאַרשעמט מיינע אָבות אין זייערע קברים און פאַרשוואַרצט דאָס פּנים פון מיין זון, וואָס איז מיר געבוירן געוואָרן אויף דער עלטער. אַ פּריץ טראָגן אַן עול ? ניין, איך קאָן דאָס נישט טאָן !״ האָט דער פּריץ אויסגעשריגן און זיך ווידער צעכליפּעט.

— — — — — — — — — — — — —

דער אַלטער פּריץ איז מער נישט צוריקגעקומען פון יאַגד און מע האָט נישט געוווּסט, צי ער איז אַוועק צוריק צו זיינע הוליאַנקעס אין אויסלאַנד, אָדער חיות רעות האָבן אים פאַרציקט. דער עקאָנאָם איז געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס אויך איבער דעם פּריצס קינד און איינגעפלאַנצט אין דעם יינגל אַ פינצטערע שנאה צום ייִד.

פונקט ווי קיינער האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז דאָס יונגע בחורל פון וואַלד וועט אַ מאָל נתגלה ווערן ווי אַ הייליקער צדיק, האָט אויך קיינער נישט געוווּסט, אַז דער ייִדישער קאָוואַל אין שטאָט איז אַ ניסתר, איינער פון די זעקס און דרייסיק באַהאַלטענע צדיקים, וואָס אין זייער זכות האָט די וועלט אַ קיום. ווען דאָס בחורל איז געקומען אין

שטאָט אַרײַן, פֿלעגט ער אײַנשטײַן טאָקע בײַ דעם קאָוואַל, אין דעם שטיבל הינטער דער קוזניע. אַ מאָל זיך גענומען צו דעם בלאָזזאַק און אויפֿגעבלאָזן דאָס פֿײַער, אַ מאָל אויך געהאַלטן דעם פֿערדס פֿוס ווען דער קאָוואַל האָט צוגעקאָוועט אַ נײַע פּאַדקעווע.

עס איז אַ דבר ידוע, אַז אַ מענטש וואָס זינדיקט מיט פּריקת עול, ווערט, רחמנא ליצלן, מגולגל אין אַ בהמה, וואָס מוז טראָגן אַ יאָך און שלעפּן משׂא. האָט אָפּט געטראָפֿן, אַז דער קאָוואַל האָט אַרײַנגעקוקט אין די טרויעריקע אויגן פֿון אַ פֿערד און דערזען אינעווייניק די גע־שטראָפֿטע נשמה, און געזוכט פֿאַר איר אַ תּיקון. איין מאָל, דאָס בחורל איז טאָקע דעמאָלט געהאַט געקומען אין שטאָט אַרײַן. עס איז געווען ערב ראש השנה פֿאַר נאַכט, דער קאָוואַל האָט שוין געהאַט אַרויפֿגע־גאָסן וואַסער אויפֿן פֿײַער צו פֿאַרמאַכן די קוזניע אויף יום־טוב, איז אַ ייִד אַ בעל־עגלה צוגעפֿאָרן מיט אַ משׂא־וואָגן געשפּאַנט אין צוויי פֿערד. איינס פֿון די פֿערד האָט באַדאַרפֿט אַ נײַע פּאַדקאָווע.

אויסגעשפּאַנט דאָס פֿערד, אויפֿגעהויבן אַ פֿוס, און דער קאָוואַל איז צוגעקומען. דער קאָוואַל האָט אַ גלעט געטאָן דאָס פֿערד, די בהמה האָט אַ קרעכץ געטאָן ווי אַ מענטש. „סרולטשע", האָט דער קאָוואַל אַ רוף געטאָן דאָס בחורל, „וואָס איז דער דין וועגן אַ ייִדישן קנעכט?"

„אַ עבד עברי ווערט באַפֿרייט אין שמיטה."

„באַלד הייבט זיך אָן אַ שמיטה־יאָר. וואָס זאָגסטו וועגן אַ עבד עברי, וואָס האָט געדינט גאַנצע זיבן יאָר?"

„ער דאַרף באַפֿרײַט ווערן און מעג געניסן פֿון אַ שעה תּוספֿת יום־טוב", האָט דאָס בחורל געזאָגט — און נאָך איידער ער האָט געענדיקט זאָגן, איז דאָס פֿערד אַוועקגעפֿאַלן טויט.

דער בעל־עגלה האָט גענומען קלאָגן: „ווײַ איז מיר, אַ פֿאַרשטער־טער יום־טוב, אַ געשלאָגענע פּרנסה."

דאָס בחורל האָט אים געוואָלט טרייסטן. „ס'קומט אַ נײַ יאָר, דער אייבערשטער וועט אײַך ממלא זײַן."

„אַזאַ משׂא־וואָגן מוז האָבן צוויי פֿערד. און מיט צוויי שלאָגט מען קוים אַרויס דאָס שטיקל ברויט. מײַן ווײַב האָט ערשט געבוירן אַ ייִנגל,

אַ שלום זכר, אַ ברית, אַ פּדיון הבן — ווו וועל איך נעמען אויף דעם אַלעם, מיט נאָר איין פערד ?...״

„דער כל יכול קאָן מאַכן, אַז דאָס איינע פערד זאָל געבוירן אַ לאָשיקל, וועט איר ווידער האָבן צוויי...״

די טרערן האָבן זיך נאָך געקלאָרט איבער דעם בעל־עגלהס באָרד, ווען ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. „ווו זענען דיינע אויגן, בחור ? דו זעסט נישט, אַז דאָס איז אַן אַלטע שקאַפּע, אַ פּגירה ? אַ נס, וואָס עס האַלט זיך נאָך אויף די פיס.״

„אַ נס, זאָגט איר ? יאָ, מען דאַרף גלייבן אין ניסים״, האָט דאָס בחורל געזאָגט. ער איז צוגעגאַנגען צום פערד, אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פערדס בויך און געזאָגט צום בעל־עגלה: „אייער פערד איז אין די הויכע חדשים, ר׳ ייִד, דאָס לאָשיקל דריגעט שוין אינעווייניק.״

„אַזוי ?״, האָט דער בעל־עגלה נאָך אַלץ געלאַכט און צוגעגאַנגען נעענטער אָפּצושפּעטן פון דעם בחורל. ער איז נבהל ונשתומם געוואָרן ווען ער האָט דערזען, אַז דעם פערדס אייטער איז שוין אָנגעקוואָלן מיט מילך. אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער בהמהס בויך, האָט ער אויך דערשפּירט ווי דעם פערדס עובר באַוועגט זיך אינעווייניק.

„און ביז דאָס קאָשקעלע וועט אויסוואַקסן ?״ האָט ער תמעוואַטע געפרעגט.

„אויב אַן אַלטע שקאַפּע קאָן טראָגעדיק ווערן, וועט זי אויך קאָנען שלעפּן פּאָר צוויי״, האָט דאָס בחורל געזאָגט. „גייט אַהיים, ר׳ ייִד, און בעט אייך אויס אַ גוט יאָר.״

וואָס כ׳גיי איצט דערציילן, איז געשען אַ סך יאָרן שפּעטער. דער קאָוואַל, דער למד־וואָווניק איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן. דער בעל־עגלה, וועגן וועלכן מיר האָבן פריִער דערציילט, איז שוין אויך געווען נישט יונג. ער האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן דאָס מסחר צו זיין זון. ער האָט נאָר געשפּאַנט די פערד אין דער פרי און אויסגעשפּאַנט זיי נאָכן צוריקקומען פון אַ יאַזדע. דאָס „בחורל״ איז שוין געהאַט נתגלה

געוואָרן ווי דער הייליקער בעל שם טוב, און האָט געפירט טיש אין מע־זשיביזש.

איין מאָל, אַלעקסי דער שמײַסער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט גע־לייגט שלאָפן, האָט דער בעש״ט אים אויפגעוועקט: „שפּאַן די פערד, אַלעקסי, מיר פאָרן, אם ירצה השם, צום יאַריד.״

אַלעקסי האָט נישט געפרעגט צו וועלכן יאַריד. ווי ער האָט זיך נוהג געווען, האָט ער צוגעבונדן די לייצעס צום וואָגן, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די סוסים און באַלד אײַנגעשלאָפן. ער האָט זיך איבער־געוועקט ערשט ווען די פערדישע קלאָען האָבן שוין געטראָטעוועט אויף דער הילצערנער בריק, וואָס האָט אַרײַנגעפירט אין אַ שטאָט.

אַ גרויסער באַוועג געווען אויף דער בריק, מען איז געקומען צום גרעסטן יאַריד אין יאָר. וואָגנס, באַלאָדן מיט צונויפגעלייגטע בוידן און קוישן סחורה, האָבן געיאָגט צום מאַרקפּלאַץ. יידן האָבן געאײַלט אויפצושטעלן די בוידן, מע זאָל נאָך קאָנען לויפן אין בית־המדרש אַרײַנכאַפּן אַ שחרית מיט מנין, איידער די ערשטע קונים באַווײַזן זיך.

עס זענען אויך אָנגעקומען אַ סך פּויערישע וואָגנס. צו דעם גרויסן יאַריד נאָכן שניט האָבן די דאָרפסלײַט געווײַנלעך געבראַכט די שפע פון זייערע פעלדער און די ברכה פון די שטאַלן. פאַרקויפט צו יידן ווייץ, קאָרן, ירקות, און אויך בהמות און עופות, און געקויפט בײַ יידן שטאָ־טישע סחורות. דאָס מאָל אָבער האָבן די פּויערישע וואָגנס אויסגעזען צו זײַן ליידיק. אַנשטאָט צום מאַרק זענען זיי גאָר אַוועק צום פּריצס הויף. דער בעש״ט איז געווען אַנגעטאָן ווי די אַנדערע יידן, די מאַרק־הענדלער, און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

דער בעל־עגלה וועגן וועלכן מיר האָבן דערציילט, איז אַרויס פאַר טאָג שפּאַנען דעם לאַסטוואָגן און דערזען, אַז איין פערד, די גוטע גניאַ־דע, האָט פאַרלוירן אַ פּאַדקאָווע, האָט ער אַ טרײַב געטאָן דעם וואָגן צום קאָוואַל און זיך פאַרהאַלטן בײַ דער קוזניע אַ רגע איידער אַלעקסי האָט פאַרהאַלטן זײַנע פערד.

„איך בין אָנגעקומען פריִער, מײַן פערד פריִער,״ האָט דער בעל־עגלה געררופן צום קאָוואַל און אויסגעשפּאַנט זײַן פערד.

ווי נאָר דאָס פערד איז לויז געוואָרן פון געשפּאַן, איז עס צוגע־גאַנגען צום אַנדערן וואָגן און געטוליעט די מאָרדע צום ייִד, וואָס איז דאָרט געזעסן.

„כ׳געדענק, כ׳געדענק", האָט דער ייִד געזאָגט שטיל דעם פערד אין אויער אַרײַן. „דײַן ישועה איז נאָענט, אָבער פריִער וועסטו נאָך דאַרפן טאָן פאַר מיר אַ שליחות."

דעם אַלטן בעל־עגלה האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער האָט דאָ אַ זאָג געטאָן אויף פּויליש: „אָוושעם", וואָס מיינט: מהיכי תיתי, אַדרבא. אָבער וואָס גייט אים אָן ווער עס רעדט דאָ פּויליש, ער דאַרף צוריק־ברענגען פערד־און־וואָגן צו קיווען, זיין זון. „נאָגאָ", האָט ער אַ רוף געטאָן צום פערד און פּרובירט אויפהייבן דער בהמהס פוס צום קאָוועז.

דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַ לויף געטאָן אין גאַלאָפּ און נעלם געוואָרן פון אויג.

מיר האָבן שוין פריִער דערציילט, אַז אַלע פּויערישע וואָגנס זענען אַוועק צום פּריצס הויף. דאָרט האָט מען זיך אויך געגרייט צום יאַריד, אַן אַנדער מין יאַריד. אַנשטאָט סחורה, האָבן זיי געבראַכט קאָסעס, העק און הייגאָפּלען. זיי האָבן געבראַכט גרויסע וואָגנס און געהאָפּט אָנצו־פילן זיי מיט גערויבט ייִדיש האָב. דער עקאָנאָם און דער יונגער פריץ, ביידע שונאי ישראל, האָבן אויפגעהעצט די פּויערים צו מאַכן אַ פּאָגראָם.

דאָס פעבל איז שוין געווען גרייט זיך אַ לאָז צו טאָן אין מאַרק אַרײַן, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיק הירזשען פון אַ פערד. דער שומר האָט גראָד געעפנט דעם טויער, ווען אַ רײַטער האָט אָנגאַלאָפּירט און זיך פאַרהאַלטן בײַם אַרײַנגאַנג. דער שומר האָט איין קוק געטאָן און אַוועקגעפאַלן אין חלשות. דער רײַטער איז אַרײַן אין הויף. דער יונגער פריץ איז צוגעלאָפן: „אויטשע, טאַטע ליבטיקער!"

„וואָס טוען זיי דאָ?" האָט דער אַלטער פריץ געוויזן אויף די פּויע־רים. „העק, קאָסעס? וואָס איז דאָס אַ מרידה? זיי זענען געקומען דיך הרגענען?"

„ניין, פּאָטער ליכטיקער, מיר גייען הרגענען די אומגלויביקע, די זשידעס.״

„דו וועסט די פּויערים לערנען הרגענען און רויבן, און זיי וועלן עס אויסנוצן אויף דיר, מײַן נאַרישער זון.״

„דאָס איז נישט מײַן אײַנפאַל, אויטשע. דער פּאַן יאַנקאָווסקי האָט דאָס אויספּלאַנירט, ער איז אַ קלוגער עקאָנאָם.״

דער אַלטער פּריץ האָט אַרויסגעריסן פון זונס האַנט אַ שפּיצרוט און צוגעריטן צום עקאָנאָם: „אַוועק פון דאַנעט, דו פאַלש ביטער שטיק. איך קען אַלע דײַנע הינטערליסטיקע גענגלעך און ווייס וועגן אַלע דײַנע מיאוסע גנבות. אויב דײַן פוס וועט נאָך אַ מאָל באַטרעטן מײַן ערד, וועט דײַן לעבן נישט ווערט זײַן אַ גראָשן.״

דער עקאָנאָם האָט עטלעכע מאָל זיך איבערגעקוליעט — אַזוי שנעל איז ער געלאָפן צום טויער, אויסצומײַדן דעם אַלטן פּריצס שפּיצרוט.

„צו די פעלדער גייט, צו די שײַערס, יעדער צו זײַן אַרבעט״, האָט איצט שוין דער יונגער פּריץ באַפוילן, עס וועלן קיין ראַבונקעס נישט זײַן.״

„טאַטע ליכטיקער, ווו ביסטו געווען אַזוי פיל יאָרן? מיר וועלן מאַכן אַ גרויסן באַל. אָבער וואָס וועל איך טאָן אָן אַן עקאָנאָם, אויטשע?״

„דו אַליין מעגסט אויך עפּעס טאָן. אַ מענטש דאַרף זיך אויסלערנען טראָגן אַן עול. איך מוז שוין גיין, מײַן זון.״

„וווהין?״

„צוריק צו מײַן אימעניע.״

דער יונגער פּריץ האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן, אָבער דער פאָטער האָט שוין גאַלאָפּירט אויף זײַן פערד אַרויס פון הויף.

ביי דער קוזניע האָט דער אַלטער בעל־עגלה נאָך געבראָכן די הענט וועגן דעם אַנטלאָפענעם פערד, ווען דאָס פערד איז אָנגעלאָפן מיט אַ שוים אויפן מויל. „ברענגעץ די כלים״, האָט דער בעל־עגלה אַ

רוף געטאָן צום קאָוואַל און אויפגעהויבן דעם פערדס אַ פוס. דער פוס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון בערל בעל עגלהס האַנט, דאָס גאַנצע פערד האָט זיך אויסגעגליטשט און געבליבן ליגן אַן חיות.

„מײַן קיווע וועט דאָס נישט גלייבן. ער׳ט מיך אַרויסיאָגן פון שטוב,״ האָט דער אַלטער בעל־עגלה געבראָכן די הענט.

„איר זענט דאָך געבליבן מיט אַ פערד,״ האָט דער ייִד אין דעם אַנדערן וואָגן אים געטרייסט, „וועט דער אייבערשטער אײַך מיטיב זײַן, דאָס אַנדערע פערד זאָל פאַרשוואַנגערן מיט אַ לאָשיקל און איר וועט ווידער האָבן צוויי.״

טרערן זענען נאָך גערינען אויף זײַן באָרד, און דער בעל־עגלה האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער: „פעטער־לעבן, איר האָט שוין אַ מאָל געזען אַן אָגער זאָל פאַרשוואַנגערן? ס׳איז אַן אָגער.״

דער פרעמדער ייִד איז אַראָפּ פון וואָגן, צוגעגאַנגען צום בעל־עגלהס לעבעדיק פערד און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער בהמהס בויך: „ס׳איז אַ קאָבילע זאָג איך, און ס׳דריגעט שוין אַ לאָשיקל אין איר בויך.״

דער בעל־עגלה האָט מער נישט געלאַכט. דאָס קול איז אים געווען באַקאַנט, די מעשה איז אים געווען באַקאַנט. ער האָט פלוצעם דערזען, אַז דאָס פערד האָט אַן אײַטער. ער איז צוגעלאָפן און אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פערדס בויך. נאָך איידער ער האָט באַוויזן עפעס זאָגן, איז דער פרעמדער ייִד שוין געווען אויף זײַן וואָגן און האָט אַ רוף געטאָן צו זײַן שמײַסער: „אַלעקסי, מיר דאַרפן זײַן אין דער היים צו שחרית.״

דער וואָגן מיט דעם ייִד זענען פאַרשוווּנדן, ווי אַ וואָלקן וואָלט זיי אײַנגעשלונגען.

„אָבער פאַר וואָס האָט דאָס אָרעמע פערד באַדאַרפט פגרן?״, האָט דער בעל־עגלה געפרעגט דעם קאָוואַל.

„כדי די אָרעמע נשמה, וואָס איז געזעסן אין פערד, זאָל באַפרייט ווערן.״

„ס'איז געווען דער הייליקער בעל שם, אַ יאָ?", איז דער בעל־עגלה געקומען צום שׂכל.

דער קאָוואַל האָט נישט געענטפערט. ער איז אַוועק צו זײַן שטוב הינטער דער קוזניע.

„ער דאַרף נאָך זײַן אין דער היים צו שחרית," האָט דער פריטש־מיעלעטער בעל־עגלה געמורמלט צו זיך אַליין. פון דאַנען ביז מעזשי־ביזש איז אַ מהלך פון דרײַ מעת־לעת מיט אַ גוטן פערד און וואָגן. אָבער ווער עס קאָן מאַכן אַן אָגער זאָל ווערן אַ קאָבילע און פאַרשוואָנגערן, קאָן אויך, ווי זאָגט מען עס... „ווי זאָגט מען עס?"

„קפיצת הדרך", האָט געענטפערט דער קאָוואַל, וואָס איז אַרויסגע־קומען מיט זיין טלית־און־תפילין.

מאָנטרעאָל, תשל"ו

אין אַ חתונה־נאַכט

אַ מעשׂה־נורא, ווי דער הייליקער רבי ר׳ אלימלך האָט פאַרהאַלטן באַשערטקייט אין אַ געראַנגל מיטן „בעל־דבר״ און האָט מנצח געווען.

ס׳אַ קונץ צו דינען דעם אייבערשטן מיט תפילות, מיט כוונות, מיט לערנען תורה? מע דאַרף אַ מאָל אָקערן די ערד מיט דער אייגענער נאָז, מע דאַרף אַ מאָל זיך פאַרנעמען מיט אָפּשינדן אַ נבלה אין גאַס און אַרײַנ־ברענגען אין שטוב איבער וואָס צו מאַכן אַ המוציא. און דאָס איז אויך אין דער בחינה פון דינען דעם אייבערשטן. דער הייליקער ר׳ שמעון בר יוחאי און זײַן זון זענען געזעסן אין אַ הייל און עוסק געווען אין הייליקע זאַכן. ווען זיי זענען נאָך דרײַצן יאָר אַרויסגעקומען פון דער הייל, האָבן זיי נישט געקאָנט סובל זײַן וואָס מענטשן אָקערן, זייען און פטרן צײַט אויף פאַרגייִקע זאַכן, „מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה״. איז געקו־מען אַ בת קול פון הימל און זיי פאַרטריבן צוריק אין דער הייל אַרײַן. „יש קונה עולמו בשעה אחת״, איז דער טײַטש: מען קאָן זיך אײַנקויפן „חיי עולם״ מיט פּשוטע ערדישע מעשים פון אַן אייגציקער ערדישער שעה. ווער עס איז געטרײַ דעם האַר, וועט טאָן יעדער מין עבודה און נישט אָוועקדרייען די נאָז ווו מען דאַרף זיך אײַנריכטן די הענט. לער־נען תורה איז אַוודאי עבודת הבורא. אָבער פריִער דאַרף מען פאַרזאָרגן ווײַב־און־קינד.

ר׳ עקיבא סופר פון טורטשע האָט דערציילט וועגן אַ חסיד אַ „יושב״ אין ליזענסק, וואָס האָט זעלטן פאַרלאָזט דעם רבינס הויף. ווען אין דער היים איז זײַן טאָכטער אונטערגעוואַקסן און הגיעה לפירקה: געקומען די צײַט צו טאָן אַ שידוך, איז דער חסיד אַרײַן צום רבין און געבעטן אַ ברכה אויף אַ זיווג הגון.

„קעסט וועסטו געבן?״ האָט דער רבי געפרעגט.

דער חסיד איז נשתומם געוואָרן. דער רבי ווייסט דאָך, אַז ער זיצט

טאָג און נאַכט אין דעם רבינס בית־מדרש און עסט נאָר ווען פרומע ווײַבער ברענגען אַ ביסל געקעכטס פאַר די יושבים.

„און אַ דירה האָסטו צוגעגרייט?" האָט דער רבי ווײַטער געפרעגט. „און אויף הוצאת החתונה האָסטו שוין אָנגעקליבן?"

„דער רבי ווייסט דאָך, אַז איך בין אַן עני ואביון", האָט דער חסיד געשטאַמלט.

„מע קאָן ווערן אַ מלמד, מע קאָן טראָגן וואַסער און האַקן האָלץ, מע קאָן אַפילו גיין איבער די הײַזער פאַר אַן אייגן קינד."

„הייליקער רבי," האָט דער חסיד זיך געבעטן, „איך זיץ און לערן, איך אַרבעט אויף מדרגות אין עבודת הבורא, ווי קאָן איך איבערלאָזן חיי עולם..."

דער רבי האָט נישט געהאַט קיין סבלנות אויסצוהערן אַזעלכע רייד. „די גמרא זאָגט ,מבטלין תלמוד תורה להכנסת כלה', חתונה מאַכן אַ יידישע טאָכטער קומט פריִער ווי לערנען תורה, בפרט אַן אייגענע טאָכ־טער. ווי די גמרא זאָגט, מען מעג פאַרקויפן אַ ספר־תורה חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער."

נאָך מער קאָן מען לערנען וועגן דעם ענין פון אַ מעשה נורא, וואָס עס האָט דערציילט ר' אײַזיקל פון קאָמאַרנע.

אַלע ווייסן, אַז דער רבי ר' אלימלך און זײַן ברודער ר' זושא האָבן אין זייערע יונגע יאָרן אָפּגעריכט גלות. ווייניק ווייסן, אַז צוזאַמען מיט די צוויי הייליקע ברידער איז אויך געווען אַ חבר נאָך פון די קינדער־יאָרן. צוזאַמען געלערנט נגלה — גמרא, תוספות, פוסקים; צוזאַמען זיך אַרײַנגעלאָזט אין נסתר — די סודותדיקע תורות פון קבלה; צוזאַמען גענומען אויף זיך תעניתים, סיגופים און אַפילו בזיונות — כדי אָפּצו־קומען פאַר יעדן חשש פון אַן עברה, אָדער מחשבה זרה, כדי מע זאָל זוכה זײַן צו אַ ריין האַרץ און דערהויבענער נשמה.

די הייליקע חברים האָבן זיך געשיידט ערשט ווען דער רבי ר' אלי־מלך האָט געטאָן אַ שידוך, און געבליבן מיט זײַנע בני־בית. יאָרן שפּע־

טער האָט דער חבר אויך געגומען אַ ווײַב, אָבער ער איז באַלד נאָך די שבע ברכות ווידער אַוועק אָפּריכטן גלות. ווען זײַן ווײַב האָט אים גע־בוירן אַ זון איז ער אַהיימגעקומען מכניס זײַן זײַן זון בבריתו של אַברהם אָבינו, און באַלד נאָכן ברית ווידער זיך געגרייט אַוועקגיין צו אַ מקום תורה, עסן ברויט מיט זאַלץ און לעבן חיי צער. ער האָט מפציר געווען דער רבי זאָל גיין מיט אים. „מלך, עס רייניקט די מחשבה", האָט דער חבר געטענהט.

„רייניקן די מחשבה קאָן מען מיט טאָן לשם שמים אַלץ וואָס מע טוט," האָט ר' אלימלך געענטפערט. „מדריך זיין אַ קינד אין מילי דעלמי איז אַזוי חשוב ווי לערנען תורה. עס שטייט געשריבן ,ושננתם לבניך...' דו מיינסט, אַז נאָר דער בית־המדרש איז דאָס אָרט וווּ דאַרפסט לערנען דײַן זון תורה? ,בשבתך בביתך, ובלכתך בדרך, ובשכבך ובקומיך,' מיט דײַנע פּשוטע טאָג־טעגלעכע מעשים זאָלסטו אים לערנען גיין אין איי־בערשטנס דרכים. ווער שמועסט נאָך, אַז מע טוט עס לשם ייחוד קודשי ברוך הוא, מקיים צו זײַן די מצוות פון דער תורה און אָנצוטאָן נחת רוח דעם בורא, געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען..."

„מלך, דו אַליין רייניקסט דאָך דײַן גוף מיט תעניתים און סיגופים."

„דער ,בעל דבר' לויערט, ס'איז אַ וועג פול מיט סכנות", האָט ר' אלימלך געענטפערט. אָבער דער חבר האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

ויהי היום, האָט מען דעם חבר געבראַכט אַהיים אַ שווער קראַנקן אויף סוכאָטע, מע זאָל באַהיט ווערן. ווען דער רבי ר' אלימלך איז געקומען אים מבקר חולה זײַן, האָט דער חולה געבעטן: „מלך, טו מיר אַ חסד של אמת, לערן מיט מײַן קינד, זײַן תורה זאָל מיר העלפן צו עלית נשמה."

„נאָר צוליב דעם?" האָט דער רבי געפרעגט מיט תרעומות. אָבער עס איז שוין נישט געווען ווער עס זאָל ענטפערן. דער יונגער־מאַן האָט אויסגעהויכט די נשמה.

אַ קורצע צייט נאָך דעם איז אויך זײַן ווײַב, לא עלינו, אַוועק פון דער וועלט. דער רבי ר׳ אלימלך האָט גענומען דאָס יתומל צו זיך, אים דערצויגן ווי אַן אייגן קינד און אים מדריך געווען אין תורה און אין מידות. דאָס יתומל איז אויסגעוואַקסן אַ למדן מופלג.

עס איז שוין געווען נאָך דער פּטירה פון בעל שם טוב ווען דער ליזענסקער, זכרונו לברכה, האָט אַ שידוך געטאָן מיט דעם זון פון זײַן פאַרשטאָרבענעם חבר. ער איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין ליזענסק און איז נאָך נישט געווען קיין רבי. דער הייליקער מגיד האָט נאָך גע־פירט טיש אין מעזריטש און אפשר שוין אין ראָוונע. ר׳ אלימלך איז שוין דעמאָלט געווען צווישן זײַנע גרויסע תלמידים.

עס פירט זיך, אַז אַ חתונה פראַוועט מען במקום הכלה, אָדער אין אַן אָרט, וואָס ליגט אין מיטוועג צווישן דעם וווינאָרט פון דעם חתן און דעם וווינאָרט פון דער כלה. דאָ האָט דער מחותן פון חתנס צד פאַר־לאַנגט, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען אין אַ שטעטל ערגעץ אויף דער גרענעץ צווישן רײַסן און ליטע, אַן אָרט, וווּ ער האָט אַ מאָל, אין זײַנע יונגע יאָרן, געלערנט תורה מיט זײַן חבר, דעם חתנס טאַטע. פאַר וואָס ער האָט אויסגעקליבן דאָס פאַרוואָרפענע העק, וועט, אם ירצה השם, קלאָר ווערן שפּעטער.

מען איז געקומען צו דער חתונה פון נאָענט און פון ווײַט. חסידים זענען געקומען זען דעם גרויסן תלמיד פון מגיד, לומדים זענען געקומען הערן חידושים. די ליטוואַקעס זענען ווי באַוווסט, מתנגדים, זיי האָבן אָבער מסוכן ליב תורה. און דער רבי ר׳ אלימלך איז אין זײַנע יונגע יאָרן שוין געווען באַוווסט ווי אַ למדן מופלג; אויך מיט דעם חתנס לומדות האָט געשמט אַ וועלט.

אויך בעטלערס און ארחי פרחי זענען געקומען פון נאָענט און ווײַט זיך זאַט־עסן בײַ דער חתונה.

דער קבלת פנים פאַר דעם חתן האָט זיך אָנגעהויבן באַלד ווי מען האָט אָפּגעדאַוונט מינחה־מעריב. דער חתן, אַ פאַרבלאָסטער פון פּאַסטן, איז געזעסן אויבן אָן, זײַנע חברים לעבן אים. אַנדערע נכבדים זענען

שוין געזעסן בײַם טיש און אַן עולם איז געשטאַנען אַרום זי. לעקעך און בראָנפן איז געווען גרייט, די קלעזמער האָבן אָנגעסטראָיעט זייערע כּלים און דער בדחן האָט זיך שוין געהאַט אויסגעהוסט — גרייט אויס־צורופן דעם חתן זאָגן זײַן דרשה. אָבער פּלוצעם האָט מען דערזען, אַז די שטול לעבן חתן, וווּ דער רבי האָט באַדאַרפט זיצן, איז ליידיק. מילא, עס טרעפט אַ מענטש דאַרף אַרויסגיין אויף אַ פּאָר מינוט, האָט מען געוואַרט.

מען האָט געוואַרט און געוואַרט; מען האָט געקוקט מיט אומרו צו דער טיר, דער רבי איז אַלץ נישט געקומען.

איז שוין דעם עולם באַפאַלן אַ פּחד. „דער חתן איז פאַרשוואַכט פון תּענית". האָט דער מחותּן פון כּלהס צד אַ קרעכץ געטאָן און אַוועק צום רבינס חדר. ער איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר. דער רבי האָט געשפּאַנט הין און צוריק מיט הילכיקע טראָציקע טריט. דער מחותּן האָט זיך נישט דערוועגט צוגיין נענטער. ער האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש און פאַר־גראָבן דאָס פּנים אין די הענט. דער חתן איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַוודאי אײַנגעחזרט זײַן דרשה. אין דעם חדר, וווּ עס איז געזעסן די כּלה, האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווײַבערישע זשומעניש און עס איז ווידער שטיל געוואָרן. און דעם רבינס שטול איז נאָך אַלץ געווען ליי־דיק. דער פידלער האָט ווידער אַ מאָל אַ סטראָיע געטאָן אַ סטרונע, דעם פויקער איז אַ פויקשטעקעלע אַרויסגעפאַלן פון האַנט, אָדער ער האָט עס בכּיוון אַראָפּגעוואָרפן אויפן בויך פון דער פויק. די פויק האָט אַ ברום געטאָן מיט געבייזער און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

„ס'עט זײַן אַן אָרעם־מאָל, צי נישט?" האָט אַ פרעג געטאָן אַ הונ־געריקער אָרעמאַן.

„ס'וועט זײַן, ס'וועט זײַן, מיטן אייבערשטנס הילף", האָט דער מחותּן געענטפערט און געקוקט צו דער טיר.

אַן אימה האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם. אַז דער מחותּן האָט דער־הערט דער כּלהס אַ שטילן שלוכץ, איז ער ווידער אַרויס אַ קוק טאָן צום רבינס חדר. די טיר איז נאָך אַלץ געווען פאַרשלאָסן.

די שטילקייט איז געווען אַזוי מוראדיק, אַז מע האָט פון ווײַטנס גע־הערט דעם דרוק אויף דער קליאַמקע אין רבינס חדר. אַלע זענען אויפֿ־געשפּרונגען פון די ערטער. דער רבי איז טאַקע אַרײַנגעקומען, אָבער זיך נישט אַוועקגעזעצט. אַלע זענען געבליבן שטיין, אַפילו דער חתן.

„מע דאַרף פאַרבעטן דעם חתנס טאַטן, עליו השלום, צו זײַן זונס חתונה," האָט דער רבי באַפוילן דעם בדחן.

מען איז זיך נוהג צו פאַרבעטן פאַרשטאָרבענע עלטערן און מאַכן אַ „קייל מלא רחמים" ווען חתן־כּלה זענען שוין אונטער דער חופּה. דאָ האַלט נאָך פאַרן „באַדעקן", דער חתן האָט נאָך אַפילו נישט געזאָגט זײַן דרשה. אָבער אַז דער רבי הייסט, פרעגט מען נישט קיין קשיות. דער בדחן האָט מיט „מאַראַלישן" געזאַנג פאַרבעטן דעם חתנס עלטערן צו דער חתונה פון זייער זון. ער האָט געוואָלט ממשיך זײַן און אויפרופן דעם חתן צו זאָגן זײַן דרשה און שוין הײַטערער גענומען זינגען:

„און איצט בשעה טובה ומוצלחת

וועט דער חתן, זאָל לעבן, אונדז פאַרשאַפן פיל פרייד און נחת."

„מע דאַרף וואַרטן אויף די חתונה־געסט", האָט דער רבי איבערגע־ריסן דעם בדחנס געזאַנג.

איז שוין די זאַך געוואָרן גאָר קשה. זינט עטלעכע טעג זענען אָנ־געפאָרן געסט פון באָענט און פון ווײַט. אַרום מיטאָגצײַט זענען אָנגע־קומען די לעצטע פורלעך. איצט איז שוין באַלד חצות — און דער רבי הייסט וואַרטן אויף געסט? אָבער אַז דער רבי האָט געהייסן וואַרטן, האָט מען געוואַרט אין שווײַגעניש. געהיטן זיך נישט אַרויסצולאָזן אַפילו אַ קרעכץ וואָס האָט זיך געריסן פון האַרץ. דער רבי האָט זיך נישט אַוועק־געזעצט, איז אויך דער עולם געבליבן שטיין. מינוטן האָבן זיך מצרף געווען צו מינוטן און יעדע רגע — אַן אייביקייט.

דער רבי האָט פלוצעם אַ בליץ געטאָן מיט די הייליקע אויגן און אַ געשריי געטאָן: „עס זאָל אַפילו טאָג ווערן, עס זאָל אַפילו שבת ווערן, וועט מען וואַרטן אויף די חתונה־געסט."

עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן די ציטערניש און פלאָטערניש, וואָס

איז אַלעמען באַפאַלן. דאָס איז געווען די נאַכט פון דאַנערשטיק אויף פרייטיק, וועט מען אַזוי שטיין דאָ און וואַרטן טעג און נעכט? עס איז געוואָרן אַ פחד אַפילו צו טראַכטן וועגן וואָס זענען די חתונה־געסט, וואָס דער רבי וואַרט אויף זיי.

— — — — — — — — — — — — —

ווען דער מת טהור, דעם רבינס יונגער חבר, איז נאָך זײַן פטירה געקומען פאַר דעם בית דין של מעלה, האָבן אים באַגלייט אַלע הייליקע מלאכים, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון זײַן תורה לערנען. מלאכי חבלה ווערן געבוירן פון עבירות. דער יונגער־מאַן איז געווען אַ קדוש וטהור, האָבן זיך קיין שלעכטע מלאכים, חלילה, נישט באַוויזן. מען האָט שוין, אָן אַ משפט, געוואָלט צו־פסקענען גן־עדן. אָבער דער קטיגור איז געקומען נישט מיט קיין ליידיקע הענט. ער האָט געבראַכט פולע אָרעמס מיט ספרים. ער האָט אויפגעמישט חומשים, גמרות, אַפילו דעם הייליקן זוהר האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן טיש און גענומען אַרויסברענגען זײַנע טענות:

„אמת, דער מת האָט בחייו געלערנט אַ סך תורה, אָבער ווי אַזוי האָט ער די תורה מקיים געווען? וואָס האָט ער געטאָן פאַר זײַן ווײַב?" האָט דער קטיגור געפרעגט און געעפנט די גמרא כתובות. ער האָט געטייטלט צו אַ שורה אויף דף מ"ו, ווו עס זאָגט, אַז דער מאַן איז מחוייב צו שפּײַזן זײַן ווײַב. „און וואָס האָט ער געטאָן פאַר זײַן קינד?" האָט ער ווײַטער געפרעגט און אַריבערגעמישט צו דף נ', ווו עס שטייט געשריבן: „די חכמים פון יבנה האָבן געדרשנט ,עושה צדקה בכל עת' איז דער, וואָס שפּײַזט זײַנע זין און טעכטער ווען זיי זענען קליין."

„איך האָב דען געהאַט און נישט געגעבן?" האָט דער ניפטר געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן.

דער מקטרג האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ירושלמי יבמות און אויפגעמישט פרק ט"ו, „אין אדם רשאי, אַ מענטש האָט נישט קיין

רעכט זיך קויפן אַ בהמה, אַ חיה און אַן עוף, אויב ער האָט נישט פריִער צוגעגרייט פאַר זיי שפּייַז. איז אַ מענטשלעך באַשעפעניש, אַן אייגן קינד, ווינציקער פון אַ בהמה, אַ חיה אָדער עוף? די תורה האָט אונדז געלערנט דרך־ארץ, אַ מענטש זאָל צו ערשט בויען אַ הויז, פלאַנצן אַ גאָרטן, ואחרי כך' און ערשט נאָך דעם ווי ער האָט צוגעגרייט אַ היים און פרנסה, זאָל ער חתונה האָבן. אַזוי לערנען אונדז די רבנן. אויב אַ ,תנו רבנן' איז בײַ דיר נישט גענוג," האָט דער קטיגור געטײַטלט צום מת, „האָסטו דאָס זעלביקע געלערנט אין זוהר חדש. דו האָסט זיך דאָ אַרומגערינגלט מיט די מלאכים פון דײַן תורה־לערנען, אָבער דרך־ארץ קומט נאָך פאַר תורה. וואָס נייסט דו מיר אַ מאַנטליק מיטן לערנען, אַז דו ביסט אַפילו נישט מקיים קיין מילי דדרך ארץ?"

„איך האָב אַליין געלעבט חיי צער און געהאָט פאַרקירצטע יאָרן פון נישט דערעסן. ממש אָוועקגעגעבן דאָס לעבן פאַר לימוד התורה," האָט דער ניפטר געזוכט פאַר זיך אַ זכות. „כ'האָב דאָך אויף מײַן אייגענעם גוף נישט חס געווען".

„האָסט געלערנט צוליב דײַן זכות און דײַן הנאה. אָבער וואָס האָסטו געטאָן פאַר דײַן הויזגעזינד? נאָר ברויט האָסטו נישט געגעבן דײַן ווײַב? וואָס האָסטו איר יאָ געגעבן? תלמידי חכמים, וואָס דאַרפן מערן שלום אויף דער וועלט, זענען מחוייב אָנצו־הייבן פון זייער אייגענעם געצעלט. וואָס זאָגט וועגן דעם די גמרא אין יבמות: „ווער עס האָט ליב זײַן ווײַב און איז זי מכבד מער ווי זיך אַליין, אויף אים זאָגט דער פסוק ,און דו וועסט וויסן, אַז עס איז שלום אין דײַן געצעלט'. גיט אַ קוק אין בבא מציעא דף נ"ט: אַ מענטש זאָל אַלע מאָל זײַן געהיט וועגן כבוד פון זײַן ווײַב... ,אוקירו לנשיכו' האַלט טײַער אײַערע ווײַבער. אַ גוט וואָרט האָסטו איר אַ מאָל געזאָגט?"

„וואָס קאָן מען רעדן מיט אַן אישה, אַז אין דברי תורה ווייסט זי נישט?"

„,איתתך גוצא גחין ותלחש לה'. היינו, דיַין ווייַב איז נידעריי־קער פון דיר, שרייַ נישט אַראָפּ צו איר, בייג זיך אַראָפּ און רוים איר איַין מיט ליבלעכקייט אין אויער אַרייַן. די גמרא מיינט אויך דו זאָלסט זיך אַראָפּבייגן צו איר מדרגה, נישט קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ, נייַערט רעדן אַזוי זי זאָל דיך פאַרשטיין. אין חולין זאָגט די גמרא, אַז עסן זאָל מען פאַר ווייניקער וויפל מען האָט, אָנטאָן זיך פאַר וויפל מען האָט, אָבער מכבד זייַן ווייַב־און־קינדער זאָל מען פאַר מער וויפל מען האָט." און וואָס וועגן מדריך זייַן אַ קינד?

„כ'האָב געבעטן מייַן חבר אלימלך בן אליעזר ליפּמאַן מדריך צו זייַן מייַן זון אין תורה."

„פאַר דייַן עלית נשמה, פאַר דייַן אייגענעם נוצן", האָט דער קטיגור נישט אָפּגעלאָזט.

ערשט איצט האָט דער ניפטר דערהערט, וואָס ער האָט שוין נישט באַוויזן צו הערן אויף דער ערד — דעם רבין ר' אלימלכס תרעומות: „נאָר צוליב דעם?" ער איז פול געוואָרן מיט בושה און מער נישט פּרובירט זיך פאַרענטפערן.

מען האָט אים, חלילה, נישט פאַרמשפּט צו גהינום, אָבער אין גן־עדן האָט ער אויך נישט געקאָנט אַרייַן. ער האָט אַרומגעבלאָנ־קעט אין דרויסן. אַז ער האָט זיך פּרובירט דערנענטערן צום אַרייַנגאַנג־טויער האָט אים צוריקגעטריבן אַ ווידערקול פון דעם רבין ר' אלימלכס תרעומות: „נאָר צוליב דעם?"

טייל מאָל האָט ער פון דרויסן געזען ווי די צדיקים אין גן־עדן לויפן אַקעגן און זענען מקבל פנים מיט שימחה אַ נייַעם מלאך וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען. „דער מלאך איז געבוירן געוואָרן פון אַ תורה, וואָס עס האָט מחדש געווען דער צדיק אלימלך בן אליעזר ליפּמאַן", האָט אים געזאָגט דער שומר בייַם גן־עדן־טויער.

„לאָמיך רעדן צו אים", האָט ער געבעטן דעם שומר. „מלך איז מיר אַ חבר ווי אַ ברודער."

„איך האָב נישט קיין רשות דיך אַרײַנצולאָזן אין גן־עדן״, האָט דער שומר אים געענטפערט מיט מיטגעפיל.

„אויב אַזוי וועל איך אַראָפּ צו מלכן אויף דער ערד.״

„דאָס קאָנסטו טאָן, אָבער זײַ געוואָרנט: דאָ אין פּרוזדור צום גן־עדן האָבן שלעכטע רוחות נישט קיין דריסת הרגל, אָבער אַזוי שנעל ווי דו לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד... היט זיך פון סכּנות.״

ויהי, און עס איז געשען, אַז ווען די נשמה פון ניפטר איז שוין גרייט געווען זיך אַראָפּצולאָזן אויף דער ערד, איז אָנגעפלויגן אַ נײַגעבוירענער מלאך, באַשאַפן טאַקע פון דעם רבין ר׳ אלימלכס אַ תּורה. די צדיקים האָבן זיך געשטופּט ביים טויער צו האַלדזן און קושן דעם גאַסט. אין דעם געדראַנג איז פון דעם נײַעם מלאכס אַ פליגל אַראָפּגעפאַלן עפּעס, וואָס איז געווען ספק פעדער, ספק שטראַל. דער גוטער שומר פון גן־עדן האָט עס אויפגעהויבן און עס געגעבן דער אָרעמער נשמה: „זאָל דאָס זײַן דײַן געווער קעגן די קליפּות. בײַקומען זיי, וועט דיר שווער זײַן, אָבער זיי וועלן מער נישט האָבן קיין כּוח דיך מזיק צו זײַן״.

דעם כּוח פון דער סיטרא אחרא איז נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. ווען נאָר דעם רבין ר׳ אלימלכס חבר איז געקומען נאָענט צום רבין, האָבן די שוואַרצע כּוחות געפונען אַ פּאָרטל צו פאַרצוימען דעם וועג און אים צו פאַרבלאָנדזשען אויף וויסטע וועגן און שטעגן. דאָס זעלביקע איז שיר נישט געשען ווען ער האָט פּרובירט קומען צו דער חתונה פון זײַן זון. כּנראה, איז דאָס נישט געווען פאַרהוילן פון דעם הייליקן רבין. און טאַקע דעמאָלט האָט ער געהייסן דעם בדחן פאַרבעטן דעם חתנס טאַטן צו דער חופּה פון זײַן זון.

*

כּידוע איז דער גאַנצער סדר העולם געבויט אויף באַשערטקייט, און דער זיווג פון דעם חתן מיט זײַן כּלה איז אויסגערופן געוואָרן נאָך

איידער ער איז געבוירן געוואָרן. די נאַכט פון דער חתונה וועגן וועל־כער מיר דערציילן, איז טאַקע געווען די נאַכט ווען עס איז פון אויבן אָנגעצייכנט געוואָרן זיי זאָלן גיין אונטער דער חופה. די השגחה האָט שוין געהאַט באַשטימט, אַז דער זיווג זאָל טאַקע אין דער נאַכט פון דער חתונה געבענטשט ווערן מיט פּרוכפּערקייט. אַ מלאך איז שוין געשיקט געוואָרן צום אוצר „גוף", ווו עס געפינען זיך אַלע נשמות, וואָס דאַרפן אַראָפּגיין אויף דער וועלט. אין הימל איז געווען אַ באַ־שטימטע און גענויע באַשערטקייט, אַז אין דער און דער נאַכט, אין דער און דער שעה זאָל די און די נשמה געגעבן ווערן צו דעם וולד אין דעם עיבור פון דעם זיווג. דער גוטער מלאך מיט דער נשמה האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט דעם הימל. אָבער דאָ האָט דער רבי ר' אלימלך זיך אייַנגעשפּאַרט, אָפּגעהאַלטן די חופה און צוריקגעהאַלטן די מלאכים פון אויספירן זייער שליחות. דער שׂטן אַליין איז אַוועק מיט אַ קיטרוג: אלימלך בן אליעזר ליפּמאַן מעג זיך זייַן אַ צדיק, אָבער ער ווייסט, אַז צוריקהאַלטן איין קאַפּעלע באַשערטקייט איז אַ שטער צום סדר העולם און וועט צערודערן דעם אייַנגעשטעלטן דרך היצירה.

וואָס עס שטייט געשריבן וועגן אַ בשר ודם, אַז ער טוט שלעכטס נאָר ווען עס כאַפּט אים אָן אַ רוח שטות, מוז זייַן ריכטיק אויך ביי די שלעכטע מלאכים, און דאָס איז אפשר אונדזער רעטונג. דער כיטרער שׂטן־מקטרג האָט באַדאַרפט האָבן מער שׂכל ווי פאַרטשעפּען זיך מיטן הייליקן רבין ר' אלימלך.

דער רבי האָט געהערט די טענה פון שׂטן און האָט אַ געשריי געַ־טאָן: „עס זאָל אַפילו טאָג ווערן, עס זאָל אַפילו שבת ווערן, וועט מען וואַרטן אויף דעם חתנס געסט."

דעם רבינס געשריי האָט אָפּגעהילכט אין אַלע הימלישע היכלות. מלאכים אין שליחות פון באַשערטקייט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זוכן די „געסט", און די פינצטערע כּוחות האָבן, ברוך השם, געליטן אַ ווייסטע מפּלה. דעם רבינס געשריי האָט נאָך געהילכט אין די אויערן, ביי אַלע מסובים האָבן די קני נאָך געציטערט פון פּחד, און אויפן רבינס הייליקן פּנים האָט אויפגעשייַנט אַ ליכט און אַ לייַטזעליקייט. „ברוכים הבאים,"

האָט דער רבי אויסגערופן, כאָטש מען האָט נישט געזען עס זאָל עמע־צער האָבן געקומען איבער דער שוועל. דער רבי האָט זיך אַוועקגע־זעצט, און דער חתן לעבן אים. „בדחן, וואָס שווײַגסטו?" האָט דער רבי אַ רוף געטאָן. עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרום טיש, די קלעזמער האָבן אויפגעשפּילט און דער בדחן האָט ווידער אַ מאָל גענומען אויס־זינגען זײַן אויפרופן.

דער חתן האָט זיך צוגעבויגן צום רבין: „ס'איז אפשר די חולשה פון פאַסטן, כ'האָב פאַרגעסן מײַן דרשה".

„טאָ זאָג דײַן טאַטנס דרשה. זאָג דײַן טאַטנס, עליו השלום, דרשה און זאָל עס אים זײַן צו עלית נשמה".

כמובן האָט ער נישט געהערט זײַן טאַטנס דרשה. ער האָט אויך קיין חידושי תורה פון זײַן טאַטן נישט געהערט. אָבער ווי נאָר דער בדחן האָט פאַרענדיקט דאָס אויפרופן זענען אין דעם חתן אויפגעגאַנגען נײַע כּוחות און פּערל האָבן זיך גענומען שיטן פון זײַן מויל. „דער טאַטע, זיכרונו לברכה, פלעגט זאָגן," „אַזוי האָט געטײַטשט דער טאַטע, נשמתו עדן." די מוזיקאַנטן האָבן אַוועקגעלייגט די כּלים און זיך צוגעהערט, אַפילו די בעטלערס, וואָס האָבן וואַכן אויסגעקוקט אויף דעם אָרעם־מאָלצײַט, האָבן מער נישט געפילט דעם הונגער. דער חתן האָט געזאָגט און געזאָגט. ער האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט אַ קשיה און געוואָלט אָנהויבן דעם תּירוץ, ווען דער רבי, זיכרונו לברכה, האָט אַרויפגעלייגט זײַן הייליקע האַנט אויפן חתנס אַקסל און אַ זאָג געטאָן: „פאַראַן געסט וואָס דאַרפן אַוועק אײדער עס ווערט טאָג, מע דאַרף גיין צו דער חופּה."

וואָס פאַראַ געסט עס דאַרפן אַוועק אײדער עס ווערט טאָג — האָט קיינער נישט געפרעגט. מען איז שנעל אַרויס אין הויף אויסשפּרייטן די חופּה. דער בדחן האָט נאָך אַ מאָל פאַרבעטן דעם חתנס טויטע טאַטע־מאַמע צו דער חופּה פון זייער זון.

יעדער מאָל וואָס דער חתן האָט געזאָגט „דער טאַטע, נשמתו עדן" איז אַוועקגענומען געוואָרן אַ מיכשול פון זײַן טאַטנס וועג צום גן־עדן. די חידושים פון דעם טאַטנס תּורה האָבן באַשאַפן נײַע מלאכים צו באַ־גלייטן דעם טאַטנס נשמה צוריק אין הימל אַרײַן. אונטער דער חופּה

האָט דער רבי אַליין געמאַכט דעם מלא, און ווען ער האָט מיט זײַנע הייליקע לעפצן אַרויסגעזאָגט „תהי נשמתו צרורה בצרור החיים״, האָט די נשמה ווי מיט אַ באַפֿלשנור זיך פֿאַרקניפּט מיטן שורש פֿון אַלע נשמות בײַם כּסא הכּבוד און קיין שום קיטרוג האָט מער קיין שליטה נישט געהאַט איבער איר.

זאָל דער זכות פֿון הייליקע צדיקים אונדז אַלעמען בײַשטיין, עס זאָל שוין זײַן „בלע המוות לנצח״, נישט קיין זינד, נישט קיין שטן, נישט קיין טויט. עס זאָל שוין טאַקע קומען די צײַט, ווען די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן וועלן צוזאַמען זינגען תּהילות ותּישבחות צום אייבערשטן און נהנה זײַן פֿון דער ליכט פֿון זײַן שכינה. אָמן.

הינטער די הרי־חושך

עס איז געווען אַ שבת־קודש־פאַרנאַכט אין הוסיאַטין. דרויסן האָט שוין געדעמערט. אין בית־המדרש זענען די חסידים געווען אויסגעזעצט אַרום טיש און געוואַרט דער רבי זאָל אַרייַנקומען פּראַווען שלוש־סעודות. אָבער דער רבי ר׳ מעכעלע ז״ל איז נאָך אַלץ געווען אין זײַן חדר. ער איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט. דרויסן איז שוין געוואָרן פינצטער. מען האָט געוואַרט צו זינגען „בני היכלא״, מען האָט געוואַרט ר׳ מעכעלע זאָל, כּדרכּו, זאָגן תּורה. אָבער דער רבי איז געשטאַנען און אַרויסגעקוקט.

ווי אַזוי ער האָט געקאָנט אַרויסקוקן, אַז ס׳איז געווען פינצטער? ווער עס פרעגט אַזאַ קשיה וועגן דעם הייליקן הוסיאַטינער, איז נישט ראוי צו הערן די מעשה. כ׳בין נישט סובל, אַז איך רעד און מע פאַר־שטייט נישט דבר מתּוך דבר. וואָס הייסט אַרויסקוקן? ער האָט געקוקט ווײַטער ווי די גאַס, ווײַטער ווי די שטאָט. דער הוסיאַטינער, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין, האָט געהאַט אַ ווײַטן בליק. ביז הינטער די הרי־חושך האָט ער געקוקט, ווי מיר וועלן עס ווײַטער, אם ירצה השם, זען. אָבער לאָמיך דערציילן כּסדר, מחמת עס איז אַ מעשה בתּוך מעשה.

אויף דעם שבת איז צום הוסיאַטינער געקומען אַ ייִד מיט אַ צע־בראָכן האַרץ. ציגײַנער האָבן צוגעגנבעט זײַנס אַ קינד, אַ פּיצעלע, נאָך נישט קיין דרײַ יאָר אַלט. אַרויסגעגנבעט עס און נעלם געוואָרן פון שטאָט. דער ייִד איז נשתּומם געוואָרן ווען אַנשטאָט אַ ברכה, האָט דער רבי זיך גאָר צעבייזערט: „וואָס ווילסטו איך זאָל טאָן?״

„הייליקער רבי״, האָט דער ייִד זיך געבעטן, „זיי וועלן דאָס קינד פאַרשלעפּן, חלילה, הינטער די הרי־חושך. זיי וועלן עס, חלילה, מאַכן

פאַר אַ ציגײַנער — אַ ייִדיש קינד, אַן אייניקל פון הייליקן ר׳ נחום פון טשערנאָבל.״

„אַזוי״, האָט דער רבי אַ גלעט געטאָן זײַן באָרד, „פון ר׳ נחומלס גזע. אַוודאי פון זײַן אייניקל חוהלע. נו, בלײַב דאָ שבת. מ׳טאָר טאַקע נישט דערלאָזן אַ ייִדישע נשמה זאָל זיך וואַלגערן הינטער די הרי־חושך.״

געדענקט די ווערטער „הינטער די הרי־חושך״, עס ליגט אין דעם דער תּוך פון דער מעשׂה.

די סדרה פון דער וואָך איז געווען „ואתחנן״ און דער רבי האָט פרייטיק־צו־נאַכטס בײַם טיש געזאָגט תּורה צום פּסוק „ואָהבת את השם אלוקיך.״ יראת־שמים און אַהבת־הבורא איז איינס משלים דאָס אַנדערע. יראת־שמים מיינט נישט, מע זאָל האָבן פּחד פאַר דעם אייבערשטן. יראה מיינט זען, מלשון ראיה. מען זעט שטענדיק פאַר זיך דעם „כבודו מלא עולם״. מע ווייסט, אַז דער וואָס זעט אַלץ איז דאָ, און זעט, און מע שעמט זיך פאַר אים צו טאָן שלעכטס. אָבער אַהבת הבורא איז מער ווי דאָס. מע האָט ליב דעם אייבערשטן, טוט מען גוטס, כּדי אים אָנטאָן נחת.

ר׳ מעכעלע איז דערנאָך אַרײַן אין ענינים פון קבלה, אַז דער שורש פון צדיקס נשמה איז אין דער ספירה „תּפארת״ און אַז דעם צדיקס ליבשאַפט צו דער שכינה איז מעורר גוטס פאַר דער וועלט. אָבער דאָס האָט שוין נישט קיין שײַכות צו אונדזער מעשׂה.

צו מאָרגנס, בײַ דער שבתדיקער סעודה, איז דער רבי צוריקגעקומען צום זעלביקן ענין: „אויב אַ תּלמיד־חכם איז אַ נוטר ונוקם כּנחש, טוט ער עס ווען ער מעג עס טאָן, אָבער עמעץ וואָס זוכט נקמה אַפילו ווען ער מעג, איז פּוגם אין זײַן אַהבת־הבורא. מע קאָן זיך משער זײַן, אַז אַפילו ווען דער תּלמיד־חכם איז טויזנט מאָל גערעכט, וועט דער רבונו של עולם האָבן מער נחת, אויב ער וועט זײַן פון די ,הנעלבין ואינן עולבין׳, פון די וואָס פאַרשווייגן ווען מען פאַרשעמט זיי, אָבער זיי אַליין פאַרשעמען קיינעם נישט, אויב ער וועט מוחל זײַן אַפילו דעם רשע, וועמען ער האָט פײַנט. די ליבשאַפט צום באַשאַפער

דאַרף זײַן שטאַרקער ווי די שנאה צום שונא. ,את השם אלוקיך תירא׳ דרשנען די חז״ל לרבות תלמידי־חכמים, היינו: מע דאַרף האָבן יראה אויך פאַר תלמידי־חכמים. ר׳ אַהרעלע קאַרלינער, זכרונו לברכה, האָט געטייטשט: לרבות תלמידי־חכמים — תלמידי־חכמים דאַרפן אויך האָבן יראת־שמים. און אפשר דאַרף מען אַזוי אויך דרשנען דעם את פון ,ואהבת את השם אלוקיך׳ לרבות, אָדער גאָר לרביס ולתלמידי־חכמים. תלמידי־חכמים און אַפילו רביס טאָרן נישט פאַרגעסן וואָס מע דאַרף אַלץ טאָן צוליב אַהבת־הבורא. מי לנו גדול, דער ארי שבחבורה ר׳ נחום טשערנאָבלער, ווען מע האָט אים אַ מאָל שטאַרק מצער געווען פון וועגן זײַן אייניקל חוהלע, האָט ער געטאָן עפעס וואָס איז כדאי מתקן צו זײַן...״

דאָ קומען מיר צו דער צווייטער מעשׂה, וואָס האָט אַ שײַכות מיט דער ערשטער. מען קאָן זאָגן, אַז וואָס מיר האָבן פריִער דערציילט איז אַ פועל־יוצא פון דעם, וואָס מיר גייען דאָ, אם ירצה השם, דערציילן.

דער רבי ר׳ נחום פון טשערנאָבל איז אַ מאָל געפאָרן קיין מעזשיביזש צום רבין ר׳ ברוך. ער האָט באַדאַרפט זײַן אין מעזשיביזש פאַר מינחה, אָבער דער וואָגן האָט דערגרייכט די שטאָט ערשט נאָך חצות. ווען דער טשערנאָבלער איז אָנגעקומען צום רבינס הויז, האָט דער רבי ר׳ ברוכל זיך אויפגעשטעלט, אַקעגנגעגאַנגען דעם גאַסט צו דער טיר און אים אַרײַנגעפירט אין זײַן חדר־מיוחד. נאָכן געבן ,,שלום״ האָט דער מעזשיביזשער געפרעגט דעם טשערנאָבלער ווי עס איז גע־ווען דער וועג אַהער, און דער טשערנאָבלער האָט דערציילט וועגן אַ מניעה אויפן וועג. די פערד האָבן זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט. אַ גוטער וועג, אַ גלײַכער וועג, נישט גערעגנט און נישט געשנייט, און די פערד האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. דער בעל־עגלה איז אַראָפּ פון וואָגן, אַ קוק טאָן וואָס ס׳איז געשען. דער פורמאַן האָט באַטראַכט דעם שאָסיי, די רעדער, אויפגעהויבן בײַ די פערד פוס נאָך פוס, זען צי די בהמה האָט זיך נישט פאַרשטאָכן. די פאַדקאָוועס זענען געווען גאַנץ. די קלאָען געזונט און פאַרשניצט, די רעדער אויסגעשמירט, און כאָטש האַק און בראָק, די פערד האָבן נישט געוואָלט שטעלן אַ טריט.

איז שוין ר׳ נחומל אַליין אַראָפּ פון וואָגן און דערזען אַ נפש ליגט אויפן וועג, אַ נשמה פון אַ פאַרשטאָרבענעם ייִד האָט זיך געוואָרפן צום רבינס פיס.

„וואָס שרעקסטו די פערד, פאַר וואָס פאַרשטעלסטו מיר דעם וועג?" האָט ר׳ נחום געפרעגט דעם נפש.

„הייליקער רבי, איך קאָן נישט קומען צו קיין מנוחה. איך האָב ביי מייַן לעבן זיך פאַרזינדיקט קעגן אייַך, און איך קאָן נישט קריגן קיין תיקון ביז איך וועל אייַך מפייס זייַן."

„וואָס האָסטו געטאָן קעגן מיר?"

„אין דער מחלוקה קעגן אייך בין איך געווען צווישן אייערע מתנגדים", האָט די נשמה געקלאָגט.

„מילא, ס׳איז שוין אויס מחלוקה", האָט דער רבי געענטפערט.

„ס׳איז געווען אַ מסירה קעגן אייַך, מ׳האָט אייַך אייַנגעזעצט אין תפיסה, נאָר צוליב אייַערע זכותים אין הימל זענט איר ניצול געוואָרן. אָבער איך האָב געוואָלט איר זאָלט בלייַבן אין תפיסה אויף אייביק."

„נו, מילא, כ׳בין ניצול געוואָרן פון תפיסה און פון דער מסירה. איך טראָג נישט קיין האַרץ קעגן מייַנע מתנגדים. טרעט אָפּ פון וועג און לאָז די פערד גיין ווייַטער", איז ר׳ נחומטשע שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

„הייליקער רבי, כ׳בין נישט ווערט אייַער גוטסקייט, אָבער וואָס איך האָב דאָ געזאָגט איז נישט אַלץ. ווען איר זענט געזעסן אין תפיסה, האָט זיך צעשפרייט אַ פּאַגלאָסקע, אַ בילבול אויף אייַער אייניקל חוהלע. דאָס האָב איך מוציא שם רע געווען אויף דער צדיקת חוהלע."

דאָ איז שוין ר׳ נחומל געוואָרן אין כעס: „דאָס וועל איך נישט מוחל זייַן," האָט ער אַ געשריי געטאָן און ער איז צוריק אַרויף אויפן וואָגן.

ווידער האָט דער בעל־עגלה אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בייַטש. „וויאָ", האָט ער גערופן, „רירט זיך, סוסים מייַנע."

דאָס נפש האָט זיך ווידער אויסגעלייגט אויפן וועג, די פערד זענען באַדעקט געוואָרן מיט שווייס, אָבער נישט אַ ריר געטאָן מיט אַ פוס.

דער רבי ר׳ נחום איז געוואָרן נאָך מער אין כּעס: „נישט גענוג דאָס בייז, וואָס האָסט מיר געטאָן צו מײַן אייניקל בײַ דײַן לעבן, האָסטו נאָך די חוצפּה מיר צו פאַרשטעלן דעם וועג? גיי צו אַלדי רוחות!״ האָט דער רבי אַ געשריי געטאָן און כּהרף־עין איז דאָס נפש פאַרוואָרפן געוואָרן הינטער די הרי־חושך.

*

ווען דער יונגער־מאַן, דעם טשערנאָבלערס אייניקל, האָט זיך גע־קלאָגט, אַז די ציגיינער וועלן פאַרשלעפּן זײַן קינד הינטער די הרי־חושך, איז עס געווען נאָר אַזאַ מין מליצה, אַ לשון נופל על לשון. געמיינט צו זאָגן האָט ער, אַז די ציגיינער וועלן פאַרשלעפּן זײַן קינד, ווייס איך ווו. און אפשר איז עס נישט געווען קיין צופאַל, וואָס אַזעלכע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון זײַן מויל. דער גורל פון אַ פאַרוואָגלטער יידישער נשמה איז געלעגן אויף משקולת. אַ קללה פון ר׳ נחומל טשער־נאָבלער האָט אַפילו דער הייליקער ר׳ מעכעלע פון הוסיאַטין נישט גע־קאָנט אָפּווישן אָן דעם טשערנאָבלערס הסכמה.

טאַקע יענעם שבת בין השמשות, אין דער שעה פון רעוא דרעוין, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז ר׳ מעכעלע קוקט זיך אַרויס דורכן פענצ־טער און שווײַגט סתּם אַזוי, דווקא דעמאָלט איז עס געווען אַ שווײַגן מיט אַ מיין. צוזאַמען מיט דעם יונגער־מאַן פון טשערנאָבל איז אויך די הייליקע נשמה פון זײַן זיידן ר׳ נחום געקומען אויף שבת צום הוסיאַ־טינער. „ראַטעווע מײַן אייניקל״, האָט דער טשערנאָבלער זיך געבעטן און ר׳ מעכעלע האָט געשוויגן, געהאַלטן אין איין שווײַגן ביז ר׳ נחום האָט צוגעזאָגט: „אויב דו וועסט ראַטעווען דאָס קינד, וועל איך עפּעס טאָן וועגן יענעם נפש הינטער די הרי־חושך, פון וועגן וועלכן דו האָסט מיך שוין אַזוי פיל מאָל געבעטן״. ערשט דעמאָלט איז ר׳ מעכעלע אַרײַן אין בית־המדרש צו שלוש־סעודות.

דער רבי האָט געאײַלט מיט די זמירות, מיטן בענטשן. נאָר די לעצטע ווערטער פון בענטשן אויסגעשריגן מיט גרויס דבקות „ולא

ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם... אַ צדיק ווערט נישט פֿאַרלאָזט און זײַן זרע ווערט נישט פֿאַרלאָזט..."

*

ווען מיר פֿאַר אַ ווײַלע מפסיק זײַן וועגן די שלוש־סעודות און אַ קוק טאָן וואָס עס איז געשען מיטן געגנבֿעטן קינד. ס'איז געווען אַ פּיצעלע, ווי געזאָגט, אָבער שוין געלערנט עבֿרי. געקענט „מודה אני" אויף אויסנווייניק און געוווסט וועלכע ברכה צו מאַכן איבער יעדן מאכל. ווען דאָס קינד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, וואָס די ציגײַנער האָבן אים געהאַט אײַנגעשלעפֿערט, האָט דאָס ייִנגעלע נעבעך גע־זען, אַז ער איז צווישן גויִים אין אַ פֿרעמדן פּלאַץ... ס'האָט גענומען וויינען מיט קולי־קולות, האָבן זיי דעם קינד פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל און צוגעבונדן עס צו דעם מיטלשטאַנג אין זייער געצעלט.

ווען מען האָט אַרויסגענומען די שמאַטע פֿון קינדס מויל און צוגע־טראָגן שפּייז, האָט עס פֿאַרשלאָסן דאָס מויל און פֿאַרקריצט די צייג־דלעך. דאָס קינד פֿון דער הייליקער טשערנאָבלער גזע האָט נישט גע־וואָלט, חלילה, עסן טרפֿות. עס האָט נישט געוואָלט אײַנבײַסן אַפֿילו אין אַ פּרי, מחמת עס האָט פֿאַרלוירן די יאַרמלקע און עס האָט נישט גע־וואָלט עסן בגילוי ראָש.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז פֿאַרביי. דאָס קינד האָט אויסגעשפּיגן אַפֿילו וואָס די ציגײַנער האָבן אַרײַנגעגאָסן אין זײַן מויל בגוואַלד. אַפֿילו אַ ביסל וואַסער איז נישט אַראָפּ אין זײַן קעל. דאָס קליינע גופֿל איז גע־וואָרן נאָך קלענער. די ציגײַנערס כאַפּן קינדער און שיקן זיי בעטלען, גנבֿענען. זיי האָבן, כּדרך הציגיינער, געוואַנדערט פֿון שטאָט צו שטאָט. „אַז עס וועט ווערן גוט הונגעריק, וועט עס עסן, וועט עס פֿאָלגן", האָבן זיי זיך געוואָלט אײַנרעדן וועגן דעם קינד. אָבער דאָס קינד האָט נישט געפֿאָלגט און נישט געגעסן. עס איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער יעדן טאָג. ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין הוסיאַטין איז דאָס קינד גע־וואָרן מסוכּן שלאָף.

עס איז געווען שבת פאַר נאַכט ווען די ציגײַנער האָבן ווידער צענומען זייער געצעלט און זיך געגרייט וואַנדערן ווײַטער, אָנצוקומען אויף זונטיק צו עפּעס אַ גויִישקן אַדפּוסט, אַזאַ מין חגאַדיקער מאַרק אין אַן אַנדער שטאָט. זיי האָבן דאָס שוואַכע יִנגל אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן, אָבער דאָס כּשרע קינד האָט נישט געוואָלט פאָרן אום שבת. אַראָפּצוקריכן פון וואָגן האָט עס קיין כּוח נישט געהאַט, האָט עס מיט די לעצטע כּוחות זיך אַריבערגעקאָליערט איבער דער רעשטאָוואַניע, געפאַלן אויף די שטיינער פון ברוק און געבליבן ליגן ווי, חלילה, אַ מת.

דער ראש פון די ציגײַנער האָט זיך דערשראָקן, ציגײַנערישע וואָגנס פאַרהאַלט מען אָפט ביים אַרויספאָרן פון שטאָט. מער פעלט אים נישט, נאָר מע זאָל בײַ דער ראָגאַטקע אַ זוך טאָן אין זײַן וואָגן, מער פעלט אים נישט, נאָר מע זאָל בײַ אים געפינען אַ האַלבטויט קינד. ער האָט זיך מתיעץ געווען מיט זיין כּנופיא און באַשלאָסן אונטערצוּוואַרפן דאָס קינד בײַ עמעצנס אַ טיר ווי נאָר עס וועט טונקל ווערן און שנעל פאַר־לאָזן די שטאָט. צום בעסטן עס אונטערוואַרפן בײַ דער טיר פון אַ ייִד. איידער מ׳עט דערזען, אַז דאָס קינד איז געמלט, וועט מען דערווײַל אײַנזעצן אַ פּאָר ייִדן, און די ציגײַנער וועלן באַוויזן נעלם צו ווערן.

דערזען אַ בוזשניצע ווו ייִדן זינגען, מאַדליען זיך און ס׳איז דאָרט שטאָק פינצטער, האָבן זיי געטאָן אַ לייג אַוועק דאָס קינד און אַנטלאָפן.

באותו רגע האָט דער רבי ר׳ מעכעלע פאַרענדיקט דאָס בענטשן פון שלוש־סעודות און אַ זאָג געטאָן צום שמש: „גיי אַרויס, גיב אַ קוק צי עס זענען שוין דאָ דרײַ שטערן, עט מען דאַוונען מעריב.״

דער שמש האָט כּדרכּו גענומען צוגיין צום פענצטער אַרויסקוקן.

„גיי אַרויס אין דרויסן״, האָט דער רבי אים געזאָגט.

עפּעס איז געלעגן הינטער דער טיר. ער האָט געדאַרפט שטופן די טיר מיט כּוח. אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן, און דערהערט אַ פּישטש פון אַ קינד.

„הייליקער רבי״, איז דער שמש צוריק אַרײַנגעלאָפן מיט ציטער־ניש. „אַ קינד, עמעצער האָט אונטערגעוואָרפן אַ קינד.״

וואָס איז דאָ פֿאַראַן לאַנג צו בריַיען? דאָס איז טאַקע געווען דאָס קינד מגזע הטשערנאָבלער. דער הוסיאַטינער האָט עס געראַטעוועט פֿון גוייִשקע הענט, און עס איז אָנצונעמען, אַז דער טשערנאָבלער, זיכרונו לברכה, האָט געהאַלטן וואָרט און אַראָפּגענומען זיַין קללה פֿון דעם זינדיקן נפֿש, וואָס האָט אים שלעכטס געטאָן. אַזוי זענען צוויי ייִדישע נשמות, ברוך השם, געראַטעוועט געוואָרן פֿון הינטער די הרי־חושך.

מאָנטרעאָל תשל״ו

מדרשדיק

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן

(אַ מעשׂה פון חומש איבערדערציילט לויטן מדרש)

מוקדש לזכר אבי מורי הקדוש ר' אברהם נתן
עלבערג, הי"ד, אב"ד דקהלת בלשקי. בעמח"ס
בית נאמן, אבני זכרון, ברית אברהם וש"ס.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן: איך האָב געזען די נויט און די דריקעניש און די פּיין פון מײַן פאָלק, וואָס די מצרים האָבן זיי געפּייניקט. איך האָב דערהערט זייער קול און זייער וויי־געשריי, און האָב זיי אַרויסגעפירט פון מצרים.

און עס איז געווען ווען די מצרים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, האָבן זיי גענומען מורמלען קעגן דיר: „וואָס האָסטו אונדז געטאָן אונדז אַרויס־צוציִען פון מצרים. דאָס וואָס מיר האָבן דיר געזאָגט אין מצרים, אַזוי צו זאָגן, לאָז אונדז אָפּ ווען מיר דינען מצרים. עס איז אונדז בעסער צו דינען מצרים ווי צו שטאַרבן אין מידבר".[1]

און ווען זיי זענען געקומען אין מידבר סין האָבן זיי זיך באַקלאָגט: „הלוואי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין מצרים, ווו מיר זענען געזעסן איבער דעם טאָפּ פליש, ווו מיר האָבן געהאַט ברויט צו דער זעט".[2]

און אין רפידים האָבן זיי ווידער געמורמלט: „פאַר וואָס האָסטו אונדז אַרויסגענומען פון מצרים צו טויטן אונדז דאָ מיט דורשט ז".[3]

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן: נישט מיט הונגער האָב איך זיי געשטראָפט און נישט מיט דורשט, נײַערט געשטראָפט זיי מיט זאַטקייט, מיט דער קללה פון האָבן אַלץ און האָבן עס צו פיל. וואָרעם, אויב זיי וואָלטן געגאַנגען מיט פרייד צו זייער אויסלייז און וואָלטן פאַרנומען די נסיונות פון גאולה ווי זיי האָבן פאַרטראָגן די חרפה פון קנעכטשאַפט וואָס די מצרים האָבן זיי פאַרקנעכט, וואָלט איך מײַן פנים פון זיי נישט אָפּגעקערט. איך וואָלט געגעבן ברכה אין זייער אַרבעט און שפע אין זייער גערעטעניש. איך וואָלט זיי געגעבן זאַטקייט און אויך דאָס האָפן בײַם זייען און דעם נחת בײַם שנײַדן. אָבער ווײַל זיי האָבן געמורמלט קעגן דיר און נישט געוואָלט פאַרטראָגן

די יסורים פון גאולה, האָב איך זיי געשטראָפט מיט עסן פון גרייטן. מן האָב איך זיי פון הימל אַראָפּגעוואָרפן, אָן אַרבעט. יעדן טאָג אין דער זעלביקער צייַט — עס זאָל קיין ספק און קיין מורא נישט זייַן, אָבער אויך נישט די פרייד פון פאַרפולטן האָפן. אַלע טעמים האָט דער מן, זיי זאָלן אַפילו נישט האָבן דאָס זיסע באַגעניש פון גלוסטן צו עפּעס וואָס נישטאָ...[4]

און ווייַל זיי האָבן געמורמלט קעגן דיר וועגן וואַסער, האָב איך זיי געגעבן וואַסער פון אַ שטיין, זיי זאָלן נישט דאַרפן גראָבן און האָבן די פרייד פון געפינען, און געניסן פון אייגענעם באַשאַף. נישט אַ ברונעם זיי געגעבן נאָר וואַסער פון אַ פעלדז — עס זאָל רינען גלייַך אין מויל אַרייַן, דאָס וואַסער זאָל נישט באַזאַלצן און באַטעמט ווערן מיט אַ טראָפּן שווייס פון דעם שעפער...

אַ וואָלקנזייַל האָב איך אַראָפּגעשיקט זיי צו באַגלייטן בייַ טאָג, און שטענדיק זיי באַשיצן פון זון, אָבער אויך צוגענומען דאָס פאַרגעניגן פון געפינען שאָטן. אַ פייַערזייַל זיי צו באַגלייטן בייַ נאַכט, זיי זאָלן אַפילו נאָך דעם ליכט פון טאָג נישט קאָנען בענקען.

אָבער אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד וועל איך זיי נישט אַרייַנברענגען. אין דעם מידבר וועלן זיי לעבן אויף אַלעם גרייטן, און אין דעם מידבר וועלן זיי שטאַרבן. דאָס לאַנד וואָס אברהם האָט אויסגעוויילט ווען ער האָט געזען ווי מע ברעכט דאָרט די פעלדער אין אַקערצייַט, און מע ניקערט אויס דאָס ווילדגראָז אין צייַט פון וואַקסן,[5] דאָס לאַנד וואָס איך האָב צוגעזאָגט צו יצחקן וואָס האָט אין דער דאָזיקער ערד תבואה געזייט[6] און ברונעמער געגראָבן,[7] און צו יעקבן וואָס האָט דאָרט געפּיטערט די שאָף אין וויסטער היץ פון טאָג און ביטערער קעלט בייַ נאַכט,[8] דאָס לאַנד וועל איך געבן צו זייערע קינדער, וואָס וועלן געווינען די נחלה מיט זייער בלוט און אַרבן עס מיט זייער שווייס. זיי וועל איך בענטשן מיט דער ברכה פון ברויט דורך אייגענע הענט געשאַפן, און וואַסער, זיס, פון אַ ברונעם אַליין געגראָבן. איך וועל זיי געבן די סכּנה פון מילחמה פאַר זייער לאַנד, אָבער אויך די קרוין פון ניצחון.

זיי וועל איך געבן דאָס לאַנד צו אַרבן עס, און וועל זיי מאַכן ווי די שטערן אין הימל אין פילקייט.

האָט משה אויפגעהויבן די הענט און געפרעגט: דו האָסט דײַן גאַנץ פאָלק אַרויסגעצויגן פון מצרים און נאָר מיך ווּעסטו ברענגען אין דײַן לאַנד אַרײַן?

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: אויך דו וועסט נישט אַריבערגיין דעם דאָזיקן ירדן. אײדער איך האָב דיר אויסגעוויילט אַ פירער צו זײַן איבער מײַן פאָלק, האָב איך דיך מיט שעפסן אויסגעפּרוווט. דו ביסט געווען אַ געדולדיקער פּאַסטעך צו יתרוס סטאַדעס, האָב איך געזאָגט: דײַן האַרץ איז ווייך צו די שעפסן פון אַ בשר ודם, וועל איך דיר אָנטרויען צו זײַן דער פּאַסטעך פון מײַנע שאָף — מײַן פאָלק ישׂראל.[9]

פאַרוואָר אַ נביא ביסטו צו מײַן פאָלק געווען, אָבער נישט אַ פּאַסטעך. האָסט נישט מיט ווייכהאַרציקייט זיי דערצויגן, און נישט פּרובירט זיי איינעמען מיט אַ נאַש, מיט אַ שפּילכל, ווי עס טראָגט אַ געטרייער דערציִער אַ זויגעדיקס, נייערט מיט כּעס זיי געשטראָפט.[10] דו ביסט אומגעדולדיק געווען צו מײַנע קינדער ווען זיי האָבן זיך געשראָקן, דו האָסט געצאָרנט איבער זיי ווען זיי האָבן געמורמלט. ווען די מצרים האָבן זיי נאָכגעיאָגט האָסטו נישט געשטאַרקט זייערע הערצער זיך אַקעגנצושטעלן דעם פײַנד, נײַערט געזאָגט צו זיי: „גאָט וועט פאַר אײַך מילחמה האַלטן, און איר זאָלט שטילשווײַגן״.[11] האָסט אָן געדולד נאָר ניסים פאַר זיי געבעטן.

דו האָסט פאַרגעסן, משה, אַז דו ביסט אַליין אַמאָל געווען ווי זיי, מיט גלוסטענישן און וועלענישן. ווען ביסט נאָך אַ קינד געווען, האָסטו די האַנט צום גאָלד געשטרעקט און נישט צום פײַער,[12] דאָ אין מידבר האָסטו אַ פּרוי אַ כּושית זיך גענומען.[13] אָבער נאָך דעם ווי דו ביסט אין הימל געווען האָסטו אַפילו פון דײַן ווײַב זיך אָפּגעשיידט.[14] דו האָסט פאַר דיר אַרויסגערוקט דעם אוהל ווײַט פון דער מחנה און נישט דערנענטערט זיך צום פאָלק ווי דײַן ברודער אַהרן.[15] מײַן פּנים האָסטו געוואָלט זען און נײַערט רעדן צו מיר „מויל צו מויל״.

דערום וועסטו דאָס לאַנד זען נאָר פון ווייטנס, און מײַן פאָלק וועל איך אַ נײַעם שופט געבן וואָס איז אין הימל נישט געווען, און איז ווי איינער פון זיי.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: גיי אַרויף אויף דעם באַרג נבו, וואָס אין מואב-לאַנד נעבן יריחו, און קוק אַריבער און זע דאָס לאַנד כנען, וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישׂראל צו אַרבן עס. און שטאַרב אויף דעם באַרג, און ווער אײַנגעזאַמלט צו דײַן פאָלק.

האָט משה זיך געבעטן: וואַרט צו. מײַן גאַנץ לעבן האָב איך זיי נישט געלאָזט רויִק אָפּאָטעמען, נאָר זיי געוואָרנט און געשטראָפט, לאָמיך כאָטש איצט זיי בענטשן. און משה האָט געבענטשט יעדן שבט באַזונדער, און געזאָגט צו ישׂראל: איך האָב אײַך אַ סך מצער געווען פון וועגן דער תּורה און אירע מיצוות. זײַט מיר איצטער מוחל.[16]

און משה איז אַרויפגעגאַנגען פון די פלוינען פון מואב צום באַרג נבו. און גאָט האָט אים געוויזן דאָס גאַנצע לאַנד גלעד ביז דן, און גאַנץ נפתלי, און דאָס לאַנד אפרים און מנשה, און דאָס גאַנצע לאַנד יהודה ביז דעם לעצטן ים, און דעם דרום און די ירדן־געגנט, דעם טאָל פון יריחו — די שטאָט פון טייטלביימער — ביז צוער. און גאָט האָט צו אים געזאָגט: דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געשווירן צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן, אַזוי צו זאָגן: צו דײַן זאָמען וועל איך עס געבן. איך האָב עס דיך געלאָזט אָנקוקן מיט דײַנע אויגן, אָבער אַריבערגיין אַהין וועסטו נישט.[17]

און משהס אויגן האָבן אַרומגענומען דאָס לאַנד. אַ טרער איז גע־ווען דער לעצטער טראָפּן חומר, וואָס האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן און נישט געוואָרן, און קיינער ווייסט נישט משה זאָל אַ קבר האָבן, ביז דעם הײַנטיקן טאָג.[18]

— — — — — — — — — — — — —

אַן אוצר איז פאַראַן אין הימל, מע רופט אים „גוף".[19] אין דעם אוצר זענען זינט בראשית אויפגעזאַמלט אַלע נשמות, וואָס דאַרפן אַראָפּגיין צו דער ערד. ווען אַ מנהיג דאַרף אַראָפּגעשיקט ווערן צו

גאָטס פאָלק, איילן די מלאכים צום כסא הכבוד און ברענגען פאַר אים רוחניות בשפע. נאָר משה שטייט דאָרט און היט מע זאָל אים געבן גענוג חומר און אַלע גלוסטענישן פון אַ בשר ודם, כדי ער זאָל זיין ווי די מענטשן פון זיין פאָלק און אייגער פון זיי, כדי ער זאָל קענען זיינע ברידער, פאַרשטיין זייערע שוואַכקייטן און פאַרגיביק זיין[20] און נישט ברענגען אויף זיי גאָטס צאָרן.

1) שמות ד׳: א־ב.

2) שמות ט״ז: ג.

3) שמות י״ז: ב־ג.

4) „ארור אתה... על גחנך תלך ועפר תאכל כל ימי חייך", (בראשית ג: י״ג) האָט דער קאָצקער רבי געפרעגט: דאָס איז אַ קללה? „עולה לגג, מזונותיו עמו, יורד למטה — מזונותיו עמו" (יומא ע״ה: א), דער שלאַנג פויזעט אויפן זאַמד און האָט זיינע מזונות וווּ נאָר ער איז, ווען נאָר ער וויל, ער דאַרף זיך אפילו נישט אַראָפבייגן עס אויפצוהייבן, און דאָס טאַקע איז די קללה. דאָס איז דער מיין פון דעם מאמר: „לעתיד לבא מתקבצות ובאות כל החיות אצל הנחש ואומרים לו: ארי דורס ואוכל, זאב טורף ואוכל, אתה מה הנאה יש לך?" (תענית ח: א) וואָס פאַר אַ הנאה קאָנסטו האָבן פון דיין עסן און פון דיין לעבן, אַז דו נעמסט אַלץ פון גרייטן און קאָנסט אפילו נישט שטאָלץ זיין מיט עפּעס אַן אייגענעם דערגרייך.

5) אמר ר׳ לוי: בשעה שהיה אברהם מהלך בארם נהרים ובארץ נחור, ראה אותם אוכלים ושותים ופוחזים. אמר: הלואי לא יהא לי חלק בארץ הזאת. וכיון שהגיע לסולמה של צור, ראה אותם עסוקים בנכוש בשעת הנכוש, בעדור בשעת העדור, אמר: הלואי יהא חלקי בארץ הזאת. אמר לו הקדוש ברוך הוא: לזרעך אתן את הארץ הזאת. (בראשית רבה, פרשה ל״ט: י).

6) ויזרע יצחק בארץ ההיא (בראשית כ״ו: ל״ט).

7) וישב יצחק ויחפור את בארות המים (בראשית כ״ו: י״ח).

8) הייתי ביום אכלני חרב וקרח בלילה (יעקב אל לבן, בראשית ל״א: מ).

9) ואף משה לא בחנו הקדוש ברוך הוא אלא בצאן. אמרו רבותינו: כשהיה משה רבנו, ע״ה, רועה צאנו של יתרו במדבר ברח ממנו גדי, ורץ אחריו עד שהגיע לחסות. נזדמנה לו ברכה של מים ועמד הגדי לשתות. כיון שהגיע משה אצלו, אמר: אני לא הייתי יודע שרץ אתה מפני צמא. עיף אתה. הרכביהו על כתפו והיה מהלך. אמר הקדוש ברוך הוא: יש לך רחמים לנהוג צאנו של בשר ודם, כך חייך, אתה תרעה צאני ישראל. (שמות רבה, פרשה ב׳: ב).

10) ויצעק משה אל ד׳, לאמר: מה אעשׂה לעם הזה? עוד מעט וסקלני (שמות י״ד: ד). ויחר אף משה (שמות ל״ב: י״ט). ויחר למשה מאד ויאמר: אל תפן למנחתם (במדבר ט״ז: ט״ד). ויאמר משה אל ד׳ למה הרעת לעבדך ולמה לא מצאתי חן בעיניך לשום את משא כל העם הזה עלי? האנכי הריתי את כל העם הזה, אם אנכי ילדתיהו כי תאמר אלי, שׂאהו בחיקך כאשר ישׂא האמן את היונק... (געטייטשט לויט ר׳ מאיר מפרימישלאן, **שיחות צדיקים,** ע׳ 12). (במדבר י״א: י״א־י״ב).

11) שמות י״ד: י״ד.

12) והוא נוטל כתרו של פרעו ומשקמו על ראשו — — — והיו שם יוש־בין חרטומי מצרים ואמרו מתיראין אנו מזה — — — והיה יתרו יושב בי־ניהן ואומר להם: הנער הזה אין בו דעת, אלא בחנו אותו. והביאו לפניו בקערה זהב וגחלת. אם יושיט ידו בזהב יש בו דעת והרגו אותו, ואם יושיט ידו לגחלת אין בו דעת ואין עליו משפט מות. מיד הביאו לפניו ושלח ידו ליקח הזהב — (שמות רבה פרשה א; ל״א).

13) ותדבר מרים ואהרן במשה על אודות האשה הכושית אשר לקח (במדבר י״ב: א).

14) אלדד ומידד מתנבאים במחנה, שמעה צפורה, אמרה: אוי לנשותיהם של אלו אם נזקקין לנבואה שיהיו פורשים מנשותיהם כדרך שפרש בעלי ממני (אבות דר׳ נתן, פרק ט׳).

15) „ומשה יקח את האוהל ונטע לו מחוץ למחנה, הרחק מן המחנה,״ (שמות ל״ג: ז).

משה איז געווען אַ מתבודד, אהרן איז געווען אַ מעורב בין הבריות, אַן אוהב שלום ורודף שלום. דאַריבער האָט השם יתברך געזאָגט צו משהן: „ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך״ (שמות כ״ח: א). זיי זיך מקרב צו דער מידה פון דיין ברודער אהרן, דערנענטער זיך צום פאָלק. (לויט ר׳ נפתלי ראָפּשיצער).

16) אמר משה: ...המתין לי עד שאברך את ישראל, שלא מצאו בי קורת רוח כל ימי מפני אזהרות ותוכחות שהייתי מוכיחם. התחיל לברך כל שבט... אמר להם לישראל: הרבה צערתי אתכם על התורה ועל המצוות, ועכשיו מחלו לי... (מדרש תנחומה, ואתחנן; ילקוט שמעוני, ואתחנן, סימן תתכ״א).

17) דברים כ״ד: א־ד.

18) „וימת שם משה וכו׳״... ויש אומרים לא מת משה... (אלא) עומד ומשמש (למעלה). (סוטה י״ג: ב).

19) עד שיכלו כל הנשמות שבגוף. פירוש רשי: אוצר יש ושמו גוף ומברא־שית נוצרו כל הנשמות העתידות להולד ונתנו לשם. (עבודה זרה ה:א).

20) ... משה רבנו... עמד בתפלה לפני הקדוש ברוך הוא...רבונו של עולם, גלוי לפניך דעתו של כל אחד ואחד מהם, אין דעתו זה דומה לדעתו של זה... מנה עליהם אדם שיהא סובל כל אחד ואחד לפי דעתו... (אבות דרבי נתן י״ז; דברים רבה כ״א: ב).

פֿאַר
קלײן
און
גרויס

די פּרינצעסין און דער פּאַסטעך

חוהן און נתנען

הקדמה

אין סוף פון די טעג, ווען משיח וועט קומען און ברענגען אַ גאַנצע און שלימותדיקע אויסלייזונג פאַר דער גאַנצער וועלט, וועט דער מענטש אַ סך געווינען, אָבער ער וועט אויך עפּעס פאַרלירן. ער וועט פאַרלירן די יכולת אַליין אויסצוווילן צווישן גוטס און שלעכטס. די ערד וועט זײַן אַ שטיק הימל, דער בשר ודם וועט זײַן אַ שטיק מלאך.

ביז יענער צײַט איז נישט מעגלעך אַ מענטש זאָל זײַן לויטער גוט, ווי עס שטייט געשריבן: „נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ צדיק, וואָס זאָל טאָן נאָר גוטס און קיין מאָל נישט זינדיקן.“ עס איז אויך נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ ווינקל, וווּ עס זאָל הערשן לויטער שלום, לויטער יושר.

אַקעגן וואָס איז דאָס צו רייד געקומען?

אַלע ווייסן וועגן דעם לאַנד אויף יענער זײַט סמבטיון. עס געפינען זיך דאָרט צען שבטים פון יידישן פאָלק. זיי זענען אָפּגעשניטן פון אונ-דזער טייל וועלט מיט אַ פייער־שפּײַענדיקן טײַך. זיי האָבן דאָרט זייער אייגענע מלוכה און זייער אייגענעם מלך, אָבער אויב עמעץ מיינט, אַז דאָרט איז שוין געקומען די גאַנצע גאולה האָט ער במחילה, אַ טעות. מיר קאָנען נישט אַריבערגיין דעם סמבטיון, דער מלאך־המות קאָן יאָ. טויט און שלעכטס זענען אַ פּאָר. דער מלאך-המות איז אויך דער יצר־הרע, דער שׂטן. שלעכטס און גוטס זענען אייגנטלעך צוויי זײַטן פון דער זעלביקער מטבע, ווי עס איז טרויער און שימחה, לעבן און טויט. די יידן פון די עשׂרת השבטים האָבן זוכה געווען צו גרויסע מנהיגים און פירן אַ רעכטפאַרטיק לעבן. אָבער פאַראַן אויך אויף יענעם טייל וועלט רשעים און מילחמות, און אַפילו ים־רויבערס. ווי מיר וועלן עס זען פון דער מעשׂה.

1

אַ זומער־פֿאַרטאָג. די זון האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן קלעטערן אַרויף און האָט פֿון יענער זײַט באַרג באַזוימט דעם הימלבלוי מיט ראָז און מיט פּורפּור. דאָס גראָז איז נאָך געשלאָפֿן, צוגעדעקט מיט גרויען שלייער פֿון פֿאַרטאָגיקן נעפּל. אַ פֿריילעך טשוויטשערן פֿון פֿייגל און אַ פֿאַרשלאָפֿן מעקען פֿון שאָף, וואָס אַ באָרוועסער יונג האָט אונטער־געטריבן. די שעפּסן האָבן אָנגעכוואַליעט פֿון אַ זײַטיקער סטעזשקע און פֿאַרפּלייצט דעם וועג. דער פּאַסטעך האָט צוגעטראָגן אַ פֿײַפֿל צו זײַנע ליפּן ווען עס איז אים אַקעגנגעקומען אַ געפּויק פֿון פֿערדישע קאָפּיטעס און אַ וואָלקן שטויב.

„העי פּאַסטעך, נעם אַוועק דײַן סטאַדע!"

די שעפּסן האָבן זיך צעמעקעט, די ציגן האָבן זיך צעגלעקלט מיט אַ דינעם מעע. די פֿערד האָבן אָפּגעענטפֿערט מיט אַ כּעסדיקן הירזשען.

„העי פּאַסטעך, דײַנע שעפּסן פֿאַראומרייניקן דעם קיניגס שטראָז," האָט אַ רײַטער זיך צעשריגן.

דן, דער פּאַסטעך, האָט פּרובירט פֿירן זײַן סטאַדע אַראָפּ צום פֿעלד. די געשרייען פֿון די רײַטערס, דאָס פּויקן פֿון פֿערדישע קאָפּע־טעס האָט איבערגעשראָקן די שאָף. זיי זענען געלאָפֿן אין אַ קרײַז אַרום זייער פּאַסטעך און געבליבן אויפֿן וועג.

„העי פּאַסטעך!" האָבן די רײַטערס זיך געבייזערט.

די רײַטערס האָבן געשריגן איבער דנען, דן האָט געשריגן איבער די שעפּסן, די שעפּסן האָבן געבעקעט איינס איבער ס'אַנדערע, געשטופּט זיך איינס אויף ס'אַנדערע און געבליבן אויפֿן וועג.

„דאָס פֿעלד איז נישט זומפּיק," האָט דן אַריבערגעשריגן צו די רײַטערס, און געוויזן זיי זאָלן אַראָפּ אויפֿן פֿעלד און אויסמײַדן די סטאַדע.

„פּרינצן רײַטן נאָר אויפֿן געפּלאַסטערטן וועג," האָט אַ רייטער גע־ענטפֿערט.

„היט זיך דײַן פֿעל, פּאַסטעך," האָט אַ צווייטער רײַטער געדראָט.

„מיר זענען דעם קעניגס געסט צו די חמישה-עשר באָב טענץ. איינער פון אונדז וועט אפשר זײַן דײַן קעניג.״

אין דעם לאַנד פון די צען שבטים זענען געבליבן אַ סך פון די מינהגים פון אַ מאָל אין שומרון און אין ירושלים. יעדן יום־כּיפּור און יעדן חמישה־עשר באָב גייען די מיידלעך און בחורים אַרויס טאַנצן אין די גערטנער פון דער שטאָט. מען שליסט באַקאַנטשאַפטן און עס קומען אַרויס שידוכים. בײַ די עשׂרת השבטים האָט זיך אויך געפירט, אַז דער קרוינפּרינץ, אָדער די קרוינפּרינצעסין איז אַרויס טאַנצן אין דעם גאָרטן לעבן דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ און האָט דאָרט אויסגעקליבן דעם באַשערטן, פאַרן דערגרייכן אַכצן יאָר. צו אַזאַ טאַנץ זענען אויך פאַרבעטן געוואָרן פּרינצן פון שכנותדיקע מלוכות. דן, דער פאַסטעך האָט דאָס געוווּסט. ער האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר די רײַטערס, ער האָט זיך געבעטן בײַ זײַן סטאַדע:

„האָו האָו האָו שעפּעלעך, צום פעלד, שעפּסעלעך.״

אַ רײַטער איז אַראָפּ פון זײַן פערד און צוגעקומען נענטער צום פאַסטעך. ער האָט באַטראַכט דנס העמד פון רויער זאַקליײַוונט· זײַנע געלאַטעטע הויזן, און גענומען אָפּשפּאָטן. „די בײַע לאַטע אויף דײַנע הויזן, דו גרייטסט זיך אויך צום טאַנץ אין קעניגס גאָרטן?״

דאָס געלעכטער פון די רײַטערס האָט אַריבערגעהילכט דאָס מעקען פון די שאָף.

„מיט אַזאַ שיינער לאַטע קאָנסטו אַ מאָל געווינען דאָס האַרץ פון דער פּרינצעסין,״ האָט אַן אַנדערער רײַטער געלאַכט.

„ס׳קאָן זײַן, ס׳קאָן זײַן.״

די רײַטערס זענען שוין גרייט געווען ווידער צו לאַכן, ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט אַז דאָס האָט געזאָגט נישט אַ יונגער פּרינץ, נאָר אַן אַל־טער בעטלער מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, וואָס איז דאָ פּלוצעם אויס־געוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. „ס׳קאָן זײַן,״ האָט דער אַלטער ווידער געזאָגט, און אַוועקגעהינקט אָנגעלענט אויף זײַן סענקאָטן שטעקן.

די שעפסן האָבן אָפּגעטרעטן פאַר דעם אַלטן און אַראָפּ צום פעלד. אַ גאָלדענער פרימאָרגן האָט צעשמאָלצן דעם נעפּל. די ווײַסע טורעמס און גאָלדענע קופּאָלן פון דער הויפּטשטאָט האָבן אויפגעטויכט אויפן האָריזאָנט. די רײַטערס האָבן אַ טרײַב געטאָן זייערע פערד און איבער־געלאָזט נאָך זיך אַ וואָלקן שטויב.

2

עס איז געווען אַ ליכטיקער, זוניקער פרימאָרגן. פּריצעסין דינה איז געזעסן אין איר מאָרגן־מאַנטל און זיך געקעמט. נאָס פון דער באָד, האָבן פון אונטער דער קאַם זיך געצויגן פאַסן האָר, ווי גלאַנציקע גאָלדענע בענדער. זי איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיטן קעמען, אַז זי האָט נישט געהערט דעם קלאַפּ אין טיר, נישט געהערט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט. זי האָט דערזען איר פאָטער אין שפּיגל ערשט ווען ער איז שוין געשטאַנען הינטער איר רוקן. זי איז אויפגעשפּרונגען און זיך גע־בוקט.

„אַזוי פרי — קעניגלעכע הויכקייט?"

„רוף מיך טאַטע."

„אַזוי פרי, טאַטע," האָט זי געזאָגט מיט דער זעלביקער טרוקנקייט אין קול.

„טאָכטער," האָט דער קעניג אַ גלעט־געטאָן אירע נאָסע האָר. דינה איז געשטאַנען שטײַף ווי פריער. „טאָכטער, הײַנט איז דער פופצנטער טאָג אין חודש אָב."

„איך ווייס, קעניגלעכע הויכקייט."

„טאַטע," האָט דער פאָטער איר אויסגעבעסערט.

„כ'ווייס, טאַטע," האָט זי געענטפערט אָן געפיל.

„הײַנט אָוונט איז דער גרויסער טאַנץ."

„כ'ווייס, קעניגלעכע הויכקייט — טאַטע."

„עס קומען די שענסטע און בראַווסטע פּרינצן פון נאָענט און ווייט."

„האָסט מיר שוין געזאָגט, קעניגלעכער טאַטע."

„עס איז געבליבן נאָר איין חודש צו דײַן אַכצנטן געבוירנטאָג. דו קענסט די געזעצן פון אונדזער לאַנד. דו ווייסט, אַז אויב דו וועסט נישט חתונה האָבן ביז מוצאי יום־כּיפּור, וועסטו פאַרלירן דײַנע רעכט צו דער קרוין און מע וועט דיך פאַרטרײַבן פון לאַנד."

„כ'ווייס, קעניגלעכע..."

„און איך וועל מוזן באַשטימען עמעץ אַנדערש אַלס מײַן יורש."

„כ'ווייס..."

„הער שוין אויף, טאָכטער, מיט דײַן ,כ'ווייס, כ'ווייס'. הלוואי וואָלסטו ווייניקער געוווּסט נאָר מער געפּילט. גאָט האָט דיך באַשאָנקען מיט שיינ־קייט, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג, מיט שׂכל, וואָס באַנעמט אַלץ, אָ חוץ דאָס קול פון האַרץ."

„וואָס זאָל איך טאָן, קעניגלעכע הויכקייט?" האָט זי געפרעגט מיט דעם זעלביקן גלײַכגילטיקן קול.

דעם קעניגס פּלייצע האָט זיך געבויגן נידעריקער. ניין, ניין, ער קאָן מיט רייד נישט געפינען דעם וועג צו איר. מע דאַרף פאַר איר גע־פינען אַ מאַן אַ קלוגן און אַ בראַוון. ליבע וועט צעשמעלצן דאָס אײַז אין איר האַרץ.

„הײַנט אָוונט איז דער גרויסער טאַנץ. דער מינהג איז אַרויסצוגיין אין ווײַסע קליידער, אָבער אַ פּרינצעסין מעג — — טו אָן דײַנע שענסטע קליידער, די טײַערסטע צירונג."

„איך וועל טאָן ווי דו באַפעלסט, קעניג."

„הײַנט אָוונט מוזטו אויסקלײַבן פאַר זיך אַ מאַן פון צווישן די געסט. אויב דו וועסט נישט וויסן וועמען, וועל איך אַליין אויסקלײַבן."

„ווי דו באַפעלסט, קעניג."

3

דער קעניג, אפרים דער אַכצנטער, איז שוין געווען אַלט און מיד. לאַנגע יאָרן האָט דער קעניג קיין קינדער נישט געהאַט, און ווען עס איז אים אויף דער עלטער אַ קינד געבוירן געוואָרן, איז זיין באַליבט

ווײַב געשטאָרבן. דעם קעניג איז געבליבן נאָר איין טרייסט — דאָס קינד, אַ מיידעלע. אַזאַ שיינקייט האָט מען נאָך נישט געזען. אַלע האָבן דערציילט דעם ווונדער, אַז דינה וויינט קיין מאָל נישט. עס האָט גענומען עטלעכע יאָר ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז זי לאַכט אויך קיין מאָל נישט. ערשט דאַן האָט מען פאַרשטאַנען — די פּרינצעסין האָט נישט קיין גע־פילן. אַ מענטש, וואָס האָט נישט אין זיך קיין גוטסקייט, קאָן נישט לאַכן און קאָן אויך נישט וויינען, ווײַל צער קומט אויך פון גוטסקייט. דאָס גאַנצע לאַנד האָט אויפגעשווידערט. וואָס וועט ווערן פון דעם לאַנד ווען דינה וועט אַרויף אויפן קעניגלעכן טראָן? אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער צער צוצוקוקן צו די יסורים פון דעם אַלטן קעניג, וואָס האָט ליב געהאַט זײַן פאָלק, און זײַן פאָלק האָט אים ליב געהאַט. אַזוי ליב געהאַט, אַז זיי זענען ווילּיק געווען צו נעמען אויף זיך די הערשאַפט פון אַ קע-ניגין אָן אַ האַרץ.

4

געווען, וואָס עס איז געשען צו דער פּרינצעסין, האָט קיינער נישט געוווּסט. אַן אַלטער „גייער" האָט דערציילט אַזאַ מעשה: ווען דער קעניג איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר און די קעניגין איז שוין אויך נישט געווען יונג, און זיי האָבן נאָך אַלץ קיין קינד נישט געהאַט, זענען זיי ביידע געווען אין גרויס צער און זיך שטאַרק צעוויינט. פּלוצעם, אין מיטן העלן טאָג, איז געוואָרן פינצטער. עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, און צווישן אַ בליץ און אַ דונער האָבן דער קעניג און קעניגין דערהערט אַ קול: אײַער מישפּחה קאָן באַשטיין נאָר פון צוויי לעבעדיקע נפשות. אויב איר וועט האָבן אַ קינד, וועט איינער פון אײַך מוזן שטאַרבן."

„מיר ווילן אַ קינד," האָבן ביידע אין איין קול געענטפערט.

האָט אַ בליץ אַדורכגעשניטן דעם הימל, עס האָט ווידער אַ קנאַל גע־טאָן אַ דונער, און דאָס קול האָט ווײַטער געפרעגט:

„ווער פון אײַך וועט געבן דעם קינד זײַן לעבן?"

„דאָס קינד וועט מוזן האָבן פון וועמען צו לערנען הערשן און פירן

אַ קעניגרײַך, איך וועל געבן מײַן לעבן," האָט די קעניגין שנעל גע־ענטפערט.

„דער קעניג האָט אויך געהאַט געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן. געהערט וואָס די קעניגין האָט געזאָגט, האָט ער פאַרמאַכט דאָס מויל. עס האָט ווידער אַ בליץ געטאָן, און דער דונער האָט פאַר אַ ווײַל זיך נישט געהערט, געוואַרט דער קעניג זאָל געבן זײַן ענטפער. אָבער דער קעניג האָט געשוויגן. האָבן טויזנטער בליצן צעשניטן דעם הימל, קיין דונערן זענען מער נישט געקומען, דער גורל איז געווען געחתמעט.

„אויב דער קעניג וואָלט אויך געזאָגט ,איך'" האָט דער אַלטער פאַר־ענדיקט זײַן מעשה, „וואָלט אפשר די גוטסקייט בײַגעקומען דעם שלעכטן גזר, און בײדע וואָלטן געבליבן לעבן. דער קעניגינס לעבן איז אויסגע־לאָשן געוואָרן אין דער רגע וואָס דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן. די קללה פון קעניגס שווײַגן איז געהאַנגען אויף דעם קינד. אַ קינד מיט אַ האַרץ וואָס איז געבליבן שטום און טויב צו יעדן געפיל: אַ קינד אָן גוטס־קייט."

„קאָן דאָס קיין מאָל נישט פאַרריכט ווערן?" האָט מען געפרעגט דעם אַלטן.

„דאָס האָב איך נישט געזאָגט," האָט דער אַלטער געענטפערט און איז פאַרשוווּנדן.

5

מען האָט געטאַנצט אין אַלע גערטנער פון דער הויפּטשטאָט און עס איז געווען פריילעך. אין דעם קעניגס גאָרטן האָט מען אויך געטאַנצט, אָבער פריילעך איז נישט געווען. די מוזיק האָט געשפּילט. די פּרינ־צעסין איז געזעסן לעבן דעם קעניג. מען האָט אַלע מאָל צוגעפירט אַן אַנדערן פּרינץ און פאַרגעשטעלט דער פּרינצעסין. זי האָט באַגריסט די פּרינצן לויט אַלע כּללים פון קעניגלעכן עטיקעט, אָבער זי האָט צו קיינעם קיין שמייכל נישט געטאָן, אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. אַ פּרינץ האָט זי פאַרבעטן צו טאַנצן, האָט זי געשטעלט די טריט ווי עס

באַדאַרף צו זײַן. אָבער איר האַנט איז געווען קאַלט, איר פּנים שטײַף, און איר מויל געשלאָסן.

„נישט גוט אַזוי, פּרינצעסין", האָט דער פּאָטער איר געזאָגט, „אַז עמעץ טאַנצט מיט דיר, רעד צו אים."

„ווי דו באַפעלסט, קעניגלעכע הויכקייט, אָבער וואָס זאָל איך זאָגן ?"

„וואָס דיר קומט אויפן געדאַנק. האָסט אָפענע אויגן, זעסט עפּעס, רעד וועגן דעם."

האָט זי איין פּרינץ געזאָגט, אַז ער האָט לאַנגע אויערן ווי אַן אייזל. אַן אַנדערן האָט זי געזאָגט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער אוודאי האָבן אַ ציגענע באָרד ווי זײַן טאַטע. ניין, זי איז נישט געווען קיין נאַר, די פּרינצעסין דינה. זי האָט זיך גוט געלערנט, זי האָט פֿאַרשטאַנען אַלץ, אַחוץ גוטסקייט. אַז מע דאַרף נישט זאָגן עפּעס וואָס וועט יענעם וויי טאָן, דאָס האָט זי פֿאַרשטאַנען ווייניקער ווי אַ קינד.

די באַליידיקטע פּרינצן זענען אַנטלאָפֿן. דינה האָט אַפילו נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי האָט דאָ געטאָן שלעכט. זי האָט דאָך נאָר געזאָגט וואָס עס איז איר געקומען אויפֿן זינען.

דער קעניג האָט אַ קרעכץ געטאָן און געזאָגט : חכמה אָן גוטסקייט קאָן זײַן ערגער ווי נאַרישקייט.

6

אלול־ווינטן האָבן איר אָקעגן געטראָגן ווידערקולות פֿון שופֿר־בלאָזן, ווען פּרינצעסין דינה איז אַרויס אויף אַ שפּאַציר. זי האָט נישט געהאַט קיין פֿרײַנד, זי איז געגאַנגען אַליין. יום־כּיפּור איז געקומען נענטער און נענטער, עס האָט זיך דערנענטערט אויך דער פּרינצעסינס יום־הדין. אויב זי וועט נישט אויסקלייבן אַ באַשערטן ביז מוצאי יום־כּיפּור, וועט מען זי פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד. אין אַלע בתּי־תּפֿילה האָט

מען געבעטן פֿאַר איר, אָבער אויף איר האָט מען נישט אָנגעזען קיין זאָרג. זי איז אַוועק ווײַט איבער דעם קעניגס פֿעלדער. זי האָט זיך פֿאַרהאַלטן ווו דעם קעניגס שאָף האָט זיך געפּיטערט. דן, דעם קעניגס פּאַסטעך, איז געשטאַנען פֿון ווײַטנס און זיך געוווּנדערט: אויב זי איז שלעכט, ווי קומט עס, וואָס זי גלעט די פֿעל פֿון אַ שעפּעלע, און וואָס דאָס שעפּעלע טוליעט זיך צו איר?

„זי איז נישט שלעכט," האָט דן געהערט אַן ענטפֿער אויף זײַנע פֿראַגעס, און דערזען לעבן זיך אַן אַלטן מיט אַ סענקאַטן שטעקן אין האַנט. „אַ קללה האָט פֿאַרשלאָסן אין איר דאָס געפֿיל פֿון גוטסקייט צו מענטשן," האָט דער אַלטער פֿאַרענדיקט.

„אָרעמער קעניג," האָט דער פּאַסטעך אַ קרעכץ־געטאָן. „איך וואָלט מײַן גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן צו קענען די קללה פֿון איר אַראָפּנעמען."

„דו האָסט געטאָן, וואָס דער קעניג האָט פֿאַרפֿעלט צו טאָן," האָט דער אַלטער געזאָגט. „דו ביסט גרייט מקריב צו זײַן דײַן לעבן. דער־מיט האָסטו שוין אַראָפּגענומען דעם סוד פֿון דער קללה. דו מעגסט וויסן, ווי אַזוי די קללה אַראָפּצונעמען." דער פּאַסטעך האָט נישט פֿאַר־שטאַנען די לעצטע ווערטער: „דו מעגסט וויסן ווי אַזוי די קללה אַראָפּ־צונעמען."

„ווי אַזוי?"

„בײַ דער דרום־גרענעץ פֿון דעם לאַנד הייבט זיך אָן אַ מידבר. ווײַט אין דעם מידבר איז פֿאַראַן אַן אָאַזיס. אויף דער אָאַזיס — נאָר איין בוים, דאָס איז אַ בוים פֿון גן-עדן. אויף דעם בוים — נאָר איין עפּל, דאָס איז דער עפּל פֿון גוטסקייט. ווען דער זאַפֿט פֿון דעם עפּל צע־גייט זיך אין מויל פֿון אַ מענטש, ווערט דער מענטש תּיכף פֿול מיט גוטסקייט."

„העלף מיר געפֿינען דעם עפּל, איך וויל אים געבן מײַן פּרינצעסין."

„אַז דוווילסט, וועסטו אים געפֿינען, אָבער זײַ וויסן, אַז ווער עס רײַסט אָפּ דעם עפּל, רײַסט איבער דעם פֿאָדעם פֿון זײַן לעבן. דרייסיק טעג און דרײַסיק נעכט וועלן דיר בלײַבן אויסצולעבן. ווען די לעצטע

מינוט פון דעם דרײַסיקסטן מעת־לעת וועט אויסגיין, וועט אויך דײַן לעבן אויסגיין."

„איך בין גרייט."

„דײַן האַרץ איז פול מיט גוטסקייט, מײַן קינד, ווי דער עפל אין ווײַטן מידבר. דו וועסט דאַרפן איבערקומען אַ סך סכנות, אָבער דו קאָנסט אַ מאָל געפינען מער וויפל דו זוכסט."

דער פאַסטעך האָט נאָך געוואָלט פרעגן דעם וועג, אָבער דער אַלטער איז פאַרשוווּנדן אַזוי פּלוצעם, ווי ער האָט זיך באַוויזן.

נאָר איין און דרײַסיק טעג זענען פאַרבליבן ביז מע וועט די פּרינצעסן פאַרטרייבן פון לאַנד. דער וועג איז אַ ווײַטער, ער מוז זיך תיכּף אַרויסלאָזן אין וועג אַרײַן.

דן האָט געוווּסט, אַז ביז דער דרום־גרענעץ איז אַ מהלך פון עטלעכע טעג, אָבער שוין אין דעם ערשטן טאָג, ווען די זון איז נאָך געווען אין מיטן הימל, איז ער צוגעקומען צום מידבר.

דער הייסער מידבר־זאַמד האָט געבריט זײַנע פיס, דער שטויב האָט געטריקנט זײַן קעל, און ער האָט, אין אײַלעניש, אַפילו זײַן וואַסער־לאָגל נישט אָנגעפולט. „דער מידבר איז גרויס," האָט ער געדענקט דעם אַלטנס וואָרענונג. ער וועט נאָר זײַנע ליפּן באַנעצן מיט דעם וואַסער.

דנס פיס זענען געזונקען אַלץ טיפער אין זאַמד. דער הייסער דינער מידבר־שטויב האָט געברענט אין זײַן קעל, ער האָט געמוזט אַלע מאָל געבן אַ שלוק. דאָס ביסל וואַסער אין לאָגל האָט זיך גיך אויסגעלאָזט. די פיס זענען געוואָרן שווערער, דער קאָפּ איז געהאָנגען ווי אַ משא אויף זײַן קאַרק און געצויגן צו דער ערד. ער האָט געזויגן פון דעם ליידיקן לאָגל און אַרײַנגעזויגן נאָך מער שטויב. די קני־ען האָבן זיך געבראָכן אונטער די פיס, ער איז געפאַלן, קוים זיך אויפגעשטעלט, און ווידער געפאַלן. מער נישט געהאַט קיין כּוח זיך צו שטעלן אויף די פיס, איז ער געקראָכן אויף אַלע פיר. די הייסע מידבר־זון האָט אויס־

געטריקנט אין אים דאָס לעצטע ביסל כּוח, ער איז געפאַלן מיט דעם פּנים צו דער ערד. די אויגן, דאָס מויל פול מיט גליִענדיקן זאַמד. „איך טאָר דאָ נישט שטאַרבן, איך טאָר נישט. גאָט, גוטער גאָט!" האָט ער געשעפּטשעט מיט פאַרברענטע ליפּן. „נישט פאַר מיר בעט איך לעבן. גיב מיר דעם עפּל און נאָך דרײַסיק טעג, דאָס איז אַלץ וואָס איך בעט בײַ דיר."

ער האָט פּלוצעם דערפילט אַ מילד ווינטל איבער זײַן רוקן, און זײַנע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט אַ שטיל געריש ווי אַ ריזלען פון וואַסער. אין די אויגן האָט געבראָטן גליִענדיקער זאַמד, די לעפלעך אָנגעשוואָלן, אַז ער האָט זיי נישט געקאָנט עפענען. ער האָט מיט די לעצטע כּוחות זיך געשלעפּט אויף אַלע פיר. זײַנע פינגער האָבן באַלד אָנגערירט פײַכט סאַמעטן גראָז.

ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט עפענען די אויגן, אויפן בויך זיך געשאַרט נענטער צו דעם געריש פון וואַסער. גיך האָבן זײַנע פינגער אָנגערירט קילע פליסיקייט. ער האָט זיך צוגעשאַרט נאָך נענטער, אײַנגעטונקען דעם גאַנצן קאָפּ. אַלע ווייטיקן און ברענונגען זענען פאַר־שוווּנדן. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און געבליבן דערשטוינט: ווי שנעל די נאַכט איז צוגעפאַלן. ווײַט אין הימל האָבן געפינקלט שטערן. געפינקלט, אָבער נישט געלויכטן. זײַנע אָפענע אויגן האָבן געפילט די קילקייט פון ווינט און געזען נאָר דעם טונקעלן גלאַנץ פון וואַסער, אָבער גאָרנישט מער. דן האָט געמאַכט אַ ברכה, אָנגעטרונקען זיך און אָנגעפילט זײַן לאָגל.

אַוועקגעשאַרט זיך פון וואַסער, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַ בוים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן שטאַם. די מידקייט האָט גע־שווערט אויף זײַנע לעפלעך און געשלאָסן זײַנע אויגן. אַ מילד ווינטל האָט געפּעכערט די צווײַגן איבער זײַן קאָפּ און גערוישט איבער די בלעטער: שששששאַ...

7

ווען דן האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער מיט שרעק דערזען, אַז עס איז שוין טאָג. דער וועג איז אַ וויַיטער, די ציַיט איז קורץ און ער האָט פאַרלוירן אַ גאַנצע נאַכט. ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען שטעלן איַילִיקע טריט.

עטלעכע טריט, און ווידער זאַמד. ווו האָט ער דעם שטעקן? אָן זיַין שטעקן וועט ער נישט קאָנען אַרויסקריכן פון די טיפע מידבר־זאַמדן. דן איז געלאָפן צוריק. דער שטעקן איז געלעגן לעבן וואַסער. אַ מאָדנע טיַיכל... אַרום דעם וואַסערל — נאָר אַ ביסל גראָז און איין איינציקער בוים. אַ מאָדנער בוים... אפשר איז עס אַ פּרוכטבוים? אַ פּרי וואָלט אים דערפרישט און געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן דעם וויַיטן שווערן וועג. ער האָט באַטראַכט דעם בוים. די בלעטער זענען געווען ווי פון אַן עפּלבוים. אַ סך צוויַיגן, אַ סך בלעטער, ווו זענען די עפּל? זיַינע בליקן זענען געשטיגן אַרויף פון צוויַיג צו צוויַיג. אויפן סאַמע שפּיץ פון בוים — נאָר איין עפּל.

נאָר איין עפּל? אַבי דער אַלטער האָט אים געזאָגט, אַז דער וועג איז אַ וויַיטער. אין איין טאָג האָט ער עס דערגרייכט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם שטעקן און גענומען אַרויפקריכן.

ער איז שוין געווען נישט וויַיט פון שפּיץ בוים און פון דעם עפּל, ווען ער האָט דערהערט עמעצער רופט אים. „דן, דן,” דער רוף איז געקומען פון גאַנץ נאָענט. עס האָט גענומען אַ וויַיל ביז ער האָט דער־זען אַ פּאַפּוגיַי אויף איינע פון די צוויַיגן, און זיך געכאַפּט, אַז דער פּאַפּוגיַי רעדט צו אים.

„דן איז אַ נאַר, דן איז אַ נאַר,” האָט דער פּאַפּוגיַי זיך געגרייצט מיט אים.

„איך בין נאָר אַ פּאַסטעך,” האָט דן געענטפערט מיט תּמימות. „מע דאַרף נישט קיין גרויסע חכמה צו פּאַשען שאָף.”

„דן איז אַ נאַרישער פּאַסטעך, אַ נאַרישער פּאַסטעך!”

דן האָט גענומען שטײַגן העכער, און זיך מער נישט אומגעקוקט צום פּאָפּוגײַ.

„אַ קלוגער שנײַדט ברויט, אַ נאַר דעם טויט!" האָט דער פּאָפּוגײַ געקראַקעט.

„דו ווייסט, זע איך, אַלץ. איך וועל סײַ ווי אָפּרײַסן דעם עפּל, כאָטש איך וועל דערמיט איבעררײַסן דעם פֿאָדעם פֿון מײַן לעבן."

„אַ נאַר שנײַדט טויט, אַ נאַר שנײַדט טויט," האָט דער פּאָפּוגיי געשריגן נאָך העכער.

„איך טו עס פֿאַר מײַן פּרינצעסין, זי זאָל נישט פֿאַרלירן דעם טראָן און זי זאָל קאָנען הערשן איבער אונדז מיט גוטסקייט."

„איבער אונדז?" האָט דער פּאָפּוגײַ געלאַכט. „איבער זיי, דו וועסט שוין נישט זײַן צווישן זיי."

דער פּאָפּוגײַ האָט אַ פֿלי געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ צווײַג לעבן דנס אויער. ער האָט איצט גערעדט שטיל, פֿאַרטרוילעך, געשעפּ־טשעט דנען אין אויער אַרײַן:

„לעבן דעם אָאַזיס איז פֿאַראַן אַ צווייטער, דאָרט איז פֿאַראַן אַ בוים, אויפֿן בוים וואַקסט אַ גאָלדענער מאַראַנץ, דאָס איז די פּרוכט פֿון עשירות. אַז דו וועסט האָבן דעם מאַראַנץ, וועסטו האָבן גאָלד און רײַכקייט."

„גליק איז חשובער פֿון גאָלד."

„מיט גאָלד קאָן מען אַלץ קויפֿן."

„מײַן פּרינצעסין האָט גאָלד. מײַן קעניג האָט גאָלד, אָבער זענען אומגליקלעך," האָט דן געענטפֿערט און געקלעטערט אַ צווײַג העכער.

„וועל איך דיר אויסזאָגן נאָך אַ סוד," האָט דער פּאָפּוגײַ ווידער צוגעהאָפּסט נאָענט צו זײַן אויער. „אויף דעם דריטן אָאַזיס וואַקסט אַ דעמב, דאָס איז דער בוים פֿון גבֿורה. דו דאַרפֿסט אַפֿילו אויף דעם בוים נישט אַרויפֿקריכן, דו נעמסט אַרום זײַן שטאַם, און דײַנע אָרעמס נעמען איבער די שטאַרקייט פֿון דעם דעמב. מיט גבֿורה קאָנסטו אײַנ־נעמען שטעט און לענדער און אַליין ווערן אַ קעניג."

„אַ קעניג האָט זײַן פֿאָלק, אַ פֿאַסטעך זײַן סטאַדע. צו וואָס דאַרף איך גאָלד? אַ ברויט און אַ קעז מאַכט מיך זאַט, און דאָס וואַסער פֿון מײַן קוואַל איז זיסער פֿון ווײַן. גבורה האָב איך מײַנע שעפּסן צו באַשיצן. כּוח צו שלאָגן דאַרף איך נישט. מײַן שטעקן האָב איך קיין מאָל אויף דעם רוקן פֿון אַ שעפּס נישט אַראָפּגעלאָזט, זיי פֿאָלגן מײַן פֿײַפֿל. מײַנע שעפּסן האָבן ליב זייער פֿאַסטעך, און איך האָב ליב מײַן קעניג."

„דער נאַרישסטער שעפּס פֿון דײַן סטאַדע האָט זיך נישט דערהרגעט פֿאַר דיר, ווי דו גייסט איבערשנײַדן דײַן לעבן פֿאַר דײַן קעניג."

„אָרעמע שעפּעלעך. גאָט האָט נאָר דעם מענטשן געשענקט די גרויסקייט צו קאָנען זיך מקריב זײַן."

„דו ביסט סײַ ווי אַ נאַר. ווי לאַנג האָט דיר גענומען קומען אַהער?"

„איין טאָג."

„וועט דיר נעמען איין טאָג צו גיין צוריק, יאָ?"

„יאָ!"

„טאָ וואָס אײַלסטו זיך איבערצושנײַדן דײַן לעבן? האָסט נײַן און צוואַנציק טעג צײַט צו ראַטעווען דײַן פּרינצעסין."

„דאָס איז אמת," האָט דן געזאָגט און זיך פֿאַרטראַכט.

„דאָס וואַסער דאָ איז זיס, דער שאָטן איז קיל. רו זיך אויס איידער דו לאָזסט זיך ווידער אין וועג אַרײַן."

דן האָט נאָר אַ מינוט געטראַכט און געענטפֿערט:

„וואָס דו זאָגסט איצטער איז קלוג, צי עס איז גוט, ווייס איך נישט. אַלע דײַנע פֿריִערדיקע עצות זענען געווען שלעכט. איך וועל זיך נישט צוהערן צו דיר, פּאַפּוגײַ."

„דו אײַלסט זיך צום טויט."

„איך וויל אײַנשפּאָרן מײַן קעניג אַזוי פֿיל טעג צער."

„דו ביסט אַ נאַר."

„און דו ביסט שלעכט."

דן האָט גענומען קלעטערן העכער, דער פּאַפּוגײַ האָט אַ פֿלי־געטאָן און אים פֿאַרשטעלט דעם וועג. אַ שטעקן האָט, פֿון ערגעץ, אַ פֿאָרגעטאָן איבער דעם פּאַפּוגײַ און אים פֿאַרטריבן. דנען האָט זיך אויסגע־

דאַכט אַז ער האָט דערקענט דעם סענקאַטן שטעקן פון דעם אַלטן גייער.

קיין וואַלקנס זענען אין מידבר נישט געווען, אָבער ווען דן האָט אָפּגעריסן דעם עפּל, האָט געשטורעמט מיט דונערן, בליצן האָבן פאַר־בלענדט זײַנע אויגן, אַז ער האָט נישט געזען ווי אַראָפּצוקלעטערן. אין איין האַנט פאַרקלאַמערט דעם עפּל, מיט דער אַנדערער זיך צוגעהאַלטן צום בוים, דער ווינט זאָל אים נישט אַראָפּשליידערן, אַזוי איז ער גע־קראָכן אַראָפּ פון צווײַג צו צווײַג. צווײַגן אַזוי פיל, אַז עס האָט קיין סוף נישט גענומען. ער האָט געקלעטערט און געקלעטערט, און דער ווינט האָט צעטראָגן אין טויזנטער ווידערקולות דאָס געשריי פון פאַ־פוגײַ.

„דן איז אַ נאַר, דן איז אַ נאַר."

ענדלעך האָט זײַן פוס אָנגערירט די ערד. עס איז שטיל געוואָרן, ליכטיק געוואָרן. דן האָט אַרויפגעקוקט צום שפּיץ בוים און דערזען דאָרט וואַקסט נאָך אַלץ אַן עפּל. עס איז דאָך געווען נאָר איין עפּל, האָט ער זיך געוווּנדערט, געקוקט אַראָפּ אויף דעם עפּל אין זײַן האַנט, און אַרויף צום עפּל אויפן בוים.

„גוטס ברענגט מער גוטס, און דאָס גוטע וועט זיך קיין מאָל נישט אויסלאָזן פון דער ערד," האָט ער דערהערט דעם אַלטנס קול, כאָטש ער האָט קיינעם נישט געזען אַרום זיך.

דער עפּל האָט זיך אָפּגעריסן מיט אַ לאַנג שטענגל און צוויי גרינע בלעטלעך. דנס פינגער האָבן זיך געשטרעקט אָפּצורײַסן די בלעטלעך, ווען ער האָט געהערט אַ שעפּטשענדיק קול: „די בלעטלעך קומען פון אַ בוים פון ברכה, זיי קאָנען דיר אַ מאָל צונוצקומען."

די זון איז נאָך געווען נאָענט צום האָריזאָנט. עס איז נאָך געווען פריִער מאָרגן. מיטן פנים צו דער אויפגייענדיקער זון, איז מיזרח פון פאָרנט און צפון איז צו זײַן לינקער האַנט, האָט דן אויסגערעכנט און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. באַלד האָבן זײַנע פיס ווידער געטראָטן אין זאַמד, קיין צייכן פון דעם אָאַזיס. דנען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אַ פאָכען פון פליגל. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, ער האָט גאָרנישט געזען אין דער הויך, נאָר אויפן זאַמד האָט ער געזען דעם

שאָטן פון אַ פֿליִענדיקן פּאָפּוגיי און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז נאָך די שטרויכלונגען נישט איבערגעקומען.

8

צוריק אין מידבר. ווידער האָט אַ הייסער ווינט געשמיסן זײַן פּנים און געטריקנט זײַן קעל. ווידער האָט דאָס זאַמד געבראָטן זײַנע פֿיס און זיך אײַנגעגעסן אין זײַן הויט. נישט נאָר דער עפּל אין זײַן טאָרבע, אויך דאָס וואַסער אין זײַן לאָגל האָט געמוזט האָבן אַ שייכות מיטן גן־עדן. איין שלוק האָט אים אָפּגעפֿרישט און באַנײַט זײַנע כוחות.

אַ שלוק און אַ שלוק, דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעלאָזט, אָבער די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צום מערב. עס קאָן שוין נישט זײַן ווײַט. ווען עס וועט ווערן גוט פֿינצטער, וועט ער שוין פֿון ווײַטן זען די ליכטער פֿון זײַן שטאָט.

די זון איז פֿאַרגאַנגען. די בריִענדיקע היץ האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ בײַסנדיקער קעלט, אַ קאַלטער ווינט האָט געשניטן זײַנע ביינער, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. דער ווינט האָט געבלאָזן זאַמד אין זײַנע אויגן, אָבער ער האָט די אויגן נישט פֿאַרמאַכט, אויסגעקוקט די ליכטער פֿון אַ ייִשוב. קיין ליכטער האָבן זיך נישט באַוויזן, און ווען די זון האָט גענומען אויפֿגיין, האָט ער דערזען, אַז ער בלאָנדזשעט. אָנשטאָט צו צפֿון, איז ער גאָר געגאַנגען צו מיזרח.

„אוי בין איך אַ נאַר,‟ האָט ער אַ קרעכץ געטאָן.

„דן איז אַ נאַר, דן איז אַ נאַר,‟ האָט ער געהערט דעם פּאָפּוגײַס קול.

דן האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין צו צפֿון. דער הונגער האָט געדרייט אין בויך און געשטיקט אין האַלדז. שוין צוויי טעג נישט געגעסן. ער האָט געשפּאַנט ווײַטער און ווײַטער.

„גיב אַ ביס דעם עפּל,‟ האָט ער דערהערט דאָס קול פֿון דעם פּאָפּוגײַ.

ער איז געגאַנגען ווײַטער.

„דער עפּל איז גרויס, עס וועט בלײַבן גענוג פֿאַר דײַן פּרינצעסין.“

ער האָט געשפּאַנט ווײַטער. די זון האָט געבראָטן שטאַרקער. עס איז געוואָרן שווערער און שווערער צו שלעפּן די פּיס.

„דן איז אַ נאַר, גיב אַ ביס דעם עפּל וועסטו האָבן כּוח צו גיין.“

ער האָט געוואָלט גיין ווײַטער, אָבער איז געפֿאַלן.

„אַז דו וועסט פֿאַלן אין מידבר, ווער וועט ברענגען דעם עפּל צו דער פּרינצעסין? גיב אַ ביס, נאַרישער דן.“ ער האָט מיט שווערקייט זיך אויפֿגעשטעלט און געגאַנגען ווײַטער.

„דער מידבר איז אַ גרויסער, דער וועג איז אַ ווײַטער,“ האָט ער ווידער דערהערט דאָס קול פֿון פּאַפּוגײַ. דער עפּל וועט סײַ־ווי פֿאַרפֿוילט ווערן פֿון דער היץ.“

„דער עפּל וועט נישט פֿוילן!“ האָט דן געשריגן צום שאָטן פֿון פּאַפּוגײַ אויפֿן זאַמד.

„דער מידבר איז אַ גרויסער, דער וועג איז אַ לאַנגער,“ האָט דער פּאַפּוגײַ ווידער געקראַקעט, און דער וואַנדערער האָט געשוויגן און געטראַכט:

„דער וועג איז אַ לאַנגער, מוז איך וויסן וויפֿל טעג עס זענען מיר געבליבן.“ דן האָט געמאַכט צוויי שניט אויף זײַן שטעקן פֿאַר די צוויי טעג וואָס זענען שוין אַוועק, און יעדן טאָג נאָכן אָפּדאַווענען שחרית, געמאַכט נאָך אַ שניט אין זײַן שטעקן.

9

נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט זענען פֿאַרגאַנגען, דן האָט נאָך אַלץ זיך געשלעפּט איבער די זאַמדן. אַ שטורעם האָט אים פֿון די פּיס געוואָרפֿן און מיט אַ כוואַליע זאַמד פֿאַרשיט. ער האָט זיך אויסגעגראָבן און ווײַטער געגאַנגען. די אויגן זענען שוין געווען האַלב בלינד, די צונג — אַ שטיק לעדער, די אינגעווייד פֿאַרקראַמפּט פֿון הונגער, דן איז געגאַנגען און געגאַנגען.

שוין ווידער נאַכט. ער האָט שוין היינט געמאַכט דעם זעקסטן שניט אויף זיין שטעקן. ווי לאַנג נאָך וועט ער קאָנען אויסהאַלטן? ער ליגט אויפן זאַמד, אָבער עס נעמט אים נישט קיין שלאָף. ער גייט נאָר ביי טאָג. די היץ איז גרויס, אָבער די זון אויפן הימל העלפט אים, ער זאָל וויסן ווו צו גיין אויף דער ערד. ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט דעם פאַפּוגיי. מיינט דאָס, אַז ער האָט שוין סיי ווי פאַרשפּילט?

שוין צען שניט אויף דעם שטעקן, און ווי וויט דאָס אויג גרייכט, נאָר זאַמד און זאַמד. ער איז געגאַנגען און געפאַלן, אויפגעשטעלט זיך, און ווידער געפאַלן. ער איז געזונקען אין זאַמד, געראַנגלט זיך און מער נישט געקאָנט זיך אויפשטעלן. „איז שלעכטס שטאַרקער פון גוטס?!" האָט דן זיך צעוויינט. „ניין, עס קאָן נישט זיין!" האָט ער זיך אַליין געענטפערט. די טרערן האָבן געביסן די אויגן, די לעפלעך האָבן גע־שווערט אַראָפּ. ער האָט אויפגעריסן די אויגן און דערזען: אויפן האָרי־זאָנט טונקלט זיך אַ וואַלד.

אַ וואַלד, אַ וואַלד, אַ וואַלד! נייע כּוחות זענען אָנגעפלאָסן, ווי ער וואָלט שוין איצט אַריינגעאָטעמט קילע וואַלדלופט. ער האָט זיך גע־שטעלט אויף די פיס און געגאַנגען פאָרויס.

פייכטער טוי אויפן גראָז, יאַגדעס און וואַלדניסלעך, און שאָטן, קילער דערפרישנדיקער שאָטן. ווי אַ קיל פריש וואַסערל איז נאַכט צו־געפאַלן צו זיינע אויגן — צעצינדענע פון מידבר־זונס בלענד, אַ זיסער שלאָף.

אַ געטשוויטשער פון פייגל האָט אים אויפגעוועקט מיטן זונשפּראָץ. אָפּגעפרישט מיט טוי און שפּייז, האָט ער גענומען גיין מיט באַנייטע כּוחות. דאָס קול פון פאַפּוגיי האָט ער מער נישט געהערט. אין דעם טונקעלן וואַלד האָט ער אויך דעם פאַפּוגייס שאָטן נישט געזען. ער האָט דאָ געפונען גענוג וואַסער צו טרינקען, גענוג פרוכט צו עסן. דער וואַלד איז געווען געדיכט, שווער צו גיין צווישן געדיכטע צווייגן און קוסטעס, אָבער פאָרט נישט אַזוי שווער, ווי אין די זאַמדן פון מידבר.

דער וואַלד איז געווען טיף. שוין פופצן שניט אויף דעם שטעקן,

און די ביימער — געדיכט, די קוסטעס — צוזאַמענגעפּלאָנטערט. געבליבן אים נאָר זעכצן טעג לעבן. דער טויט האָט אים נישט געשראָקן. אָבער ער האָט אַ שליחות. איידער ער שליסט די אויגן אויף אייביק, מוז ער ברענגען דעם עפּל צו דער פּרינצעסין. אין פופצן טעג אַרום וועט מען זי אַרויסטרייַבן פון לאַנד, אויב ער וועט נישט באַווייַזן זי צו ראַטעווען. ער טאָר נישט פאַרלירן די נעכט אין שלאָף. ער מוז גיין און גיין.

עס איז געווען אַ פינצטערע נאַכט, און ער האָט פּלוצעם דערזען פייַערלעך, אַ סך גרינע פייַערלעך האָבן זיך דערנענטערט. אַ פאַסטעך ווייסט וואָס דאָס איז: וועלפישע אויגן. ער האָט שוין געהערט, ווי צווייַגלעך ברעכן זיך אונטער זייערע לויפנדיקע פיס. זיי זענען געקומען נענטער און נענטער.

דן האָט פאַרקלאַמערט דעם עפּל אין זייַן האַנט. וואָס וועט געשען צו דעם עפּל? די וועלף זענען שוין געווען לעבן אים. ער האָט שוין דערפילט אויף זיך זייער אָטעם. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פייַפל צום מויל. פאַרן טויט, נאָך איין מאָל אַ פייַף טאָן. עלעהיי דאָס זענען שעפעלעך, נישט קיין וועלף.

דן האָט געשלאָסן די אויגן נישט צו זען וואָס עס וועט געשען און געשפילט אויף זייַן פייפל. ער וועט אויסהויכן זייַן לעצטן אָטעם מיט אַ פאַסטעך־ניגון. ער האָט געשפילט און געשפילט און געשפילט. ער האָט געעפנט די אויגן — קיין וועלף, קיין גרינע פייַערלעך. נאָר צווייַגלעך האָבן זיך געבראָכן אונטער אַנטלויפנדיקע חיהשע פיס.

צוואַנציק שניט אויף דעם שטעקן. די פיס האָבן געבלוטיקט, צעריסן פון קוסטעס, צעשטאָכן פון ווילדע געוויקסן. אָט איז דער וואַלד געוואָרן שיטערער, באַלד איז ער ווידער געוואָרן געדיכט. ער איז געגאַנגען און געגאַנגען. ער מוז דערגיין!

צווייַגן האָבן זיך געבראָכן אונטער שווערע שריט. אַ מענטש? אַ חיה? אַ לייב איז אַרויס פון דער געדיכטעניש. אַנטלויפן? אַ לייב קאָן לויפן שנעלער ווי אַ מענטש. ער וועט ווידער פּרובירן דאָס פייַפל. די

קניִען האָבן זיך געבראָכן, די הויט געריִנצלט פון שרעק. דן איז גע־גאַנגען פּאָרויס און אויסגעפּיפן זיַין ניגון.

די וועלף זענען אַנטלאָפן, פאַר וואָס אַנטלויפט נישט דער לייב? איז ער נאָך נישט גענוג נאָענט צו הערן דאָס פיַיפל? דן איז אַקעגן געגאַנגען דעם לייב, דער לייב איז געקומען נענטער, אַ שטשירע גע־טאָן מיט די ציין און אַרויסגעלאָזט אַ בייזן ברום.

„דו זעסט נישט, אַז דאָס פיַיפל העלפט נישט?" האָט דן ווידער דערהערט דעם פּאָפּוגיַיס קול. „ער וועט דיך פאַרצוקן, אַכיבע — — פאַרשטופּ זיַין פּיסק מיט דעם עפּל."

„דער עפּל איז פאַר דער פּרינצעסין," איז דן געבליבן פאַרעקשנט.

„דער עפּל וועט סיַי ווי אַריַין אין דעם לייבס בויך צוזאַמען מיט דיר. דער לייב וועט דעמאָלט ווערן מילד ווי אַ שעפּעלע, אָבער עס וועט שוין קיין זכר נישט זיַין פון דיַין געביין, און די פּרינצעסין — — —"

„די בלעטלעך קומען פון אַ בוים פול ברכה, — זיי קאָנען דיר אַ מאָל צו נוץ קומען," האָט דן זיך דערמאָנט דאָס וואָרענען, ער זאָל נישט אַוועקוואַרפן די בלעטלעך. ער האָט אָפּגעריסן אַ בלעטל פון דעם עפּל-שטאַנגל און עס געוואָרפן צום לייבס אָפענעם פּיסק. דער פּאָפּוגיַי האָט אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגל, און אַוועקגעפּעכערט דאָס בלעטל אין אַ זיַיט. דער לייב האָט אויפגעריסן דעם פּיסק מיט אַ בייזן ריטש, דן האָט געכאַפּט דאָס בלעטל, אַריַינגעשטופּט עס דעם לייב אין פּיסק אַריַין.

דעם לייבס ציין זענען שוין געווען אויף דנס האַנט, ווען דאָס בלעטל האָט באַרירט זיַין גומען. דער לייב האָט אַ קריץ געטאָן מיט די קינביינער און דער פּיסק איז געבליבן אָפן. דן האָט אַרויסגעצויגן זיַין האַנט און אַ גלעט געטאָן דעם לייב איבער דער גריווע, דער לייב האָט אונטערטעניק זיך אויסגעצויגן לעבן דנס פיס.

„האָו האָו," האָט דן גערופן צום לייב ער זאָל זיך אויפשטעלן און אים נישט פאַרשטעלן דעם וועג. „האָו האָו!"

דער לייב האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. „האָו, האָו,״ האָט דן ווידער געוואָלט אונטערטרייבן דעם לייב. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אים אַ שטופּ צו טאָן, און דערזען גרויסע געלע פעדערן אין דעם לייבס אויערן. אַבי מען זאָגט, אַז אַ שלעכטער קאָן גאָרנישט געבן פון זיך. דער בייזער פּאַפּוגײַ האָט אויסגעריסן פעדערן פון זײַן אייגענעם עק און זיי אַרײַנגעשטופּט אין דעם לייבס אויערן, צעשטאָכן אים די אויערן, ער זאָל נישט קאָנען הערן דאָס פייפל. דן איז אַרויפגעקראָכן אויף דעם גרויסן לייב, ער זאָל קאָנען דערגרייכן די אויערן און אַרויס־נעמען די פעדערן, האָט דער לייב זיך געטאָן אַ שטעל אויף און גענו־מען גיין פּאַרויס. דער פּאַפּוגײַ איז ווידער אַנגעלאָפן, געקראַקעט ווי אַ בייזע קראָ און געקרײַזט איבער דנס קאָפּ מיט דראָונג.

נאַכט. דן האָט געהאַט אײַנגעדרעמלט אויף דעם לייבס רוקן. ער האָט זיך איבערגעוועקט און געעפנט די אויגן. איז עס אַ חלום? ער האָט געזען ליכט צווישן דיביימער. איז ער שוין נאָענט צו אַ יישוב?

דער וואַלד איז געוואָרן שיטערער, די ליכט נענטער. דער לייב האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ ריזיקן נאַקעטן פעלדז. דן איז אַראָפּגע־קראָכן פון דעם לייבס רוקן. ער האָט געהערט אונטן פּאַטשן כוואַליעס אין דעם פעלדז. די ליכט זענען אַוודאי פון אַ שיף פּאַראַנקערט אונטן. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן פעלדז, ער האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן אַראָפּ.

עמעץ אויף דער שיף האָט דערהערט דעם פליוך אין וואַסער. לאָמפּן האָבן זיך צעצונדן, מענטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער שיף אין וואַסער אַרײַן. עמעצער האָט אָנגעכאַפּט דנען ביי די האָר און גע־שלעפּט נאָך זיך. מען האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק. עס האָט גענומען נאָך עטלעכע מינוט און ער איז שוין געלעגן אויף דער דעק פון דער שיף, איבער אים אַ ריזיק וווּקיקער מאַן מיט אַ מגושם פּנים. „טפו!״ האָט דער מאַן אַ שפּײַ געטאָן מיט כּעס. „אַ יינגל גאָר? געמיינט אונ־דזערס אַ יאַט איז אַרײַנגעפאַלן.״

„אַ דאַנק אײַך, גוטע מענטשן, איר האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.״

„גוטע מענטשן?” דער מאַן האָט זיך צעלאַכט און אַלע אַרום אים האָבן זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער. „ער האָט געזען ווו מיר באַהאַלטן זיך מיט אונדזערע שיפֿן. גיט מיר אַ האַק.”

עמעצער איז געגאַנגען ברענגען אַ האַק. „מיר זענען ים־רויבערס. דו מוזט שטאַרבן.”

דן האָט דערזען אַ האַק אויפֿגעהויבן איבער זײַן קאָפּ. ער האָט געכאַפּט דאָס פֿײַפֿל אין מויל, פֿאַרמאַכט די אויגן און גענומען פֿײַפֿן. ער האָט אַ גאַנצן פֿאַסטעך־ניגון אויסגעפֿײַפֿט און געעפֿנט די אויגן. אַלע ים־רויבערס זענען געשטאַנען אַרום אים, איינער פֿון זיי מיט אַ האַק גרייט אין זײַן האַנט. „וואַרט, זאָל ער שפּילן נאָך עפּעס,” האָט באַפֿוילן דער וווקסיקער מאַן וואָס איז געווען דער עלצטער פֿון די פּיראַטן.

דן האָט געשפּילט נאָך און נאָך. „לייג אַוועק די האַק,” האָט דער עלצטער ענדלעך אַ זאָג געטאָן, „זאָל ער זײַן אונדזער שקלאַף און פֿאַר אונדז שפּילן אין די לאַנגע טעג און נעכט אויפֿן ים.”

מען האָט געברענגט אַ שווערע קייט. איין עק פֿאַרשמידט אויף זײַן פֿוס, דעם אַנדערן פֿאַרשלאָסן אַרום דעם מאַסטבוים. אין דער טונקעלער נאַכט, ווען דער עלצטער און קאַפּיטאַן איז געזעסן ביים רודער, האָט ער דנען צוגעבונדן צו זײַן באַנק און אים געהייסן שפּילן אויפֿן פֿײַפֿל.

דן האָט דעם קאַפּיטאַן דערציילט פֿון וואַנען ער קומט.

„מיר זעגלען צו דײַן לאַנד,” האָט דער עלצטער אים געזאָגט. „דער קעניג איז אַלט, שוואַך און פֿאַרמרהשחורהט. אַן אַ פֿירער וועט לײַכט זײַן צו באַזיגן דאָס פֿאָלק. זיי האָבן אַ סך גאָלד און זילבער.”

„ווי ווײַט זענען מיר פֿון ברעג?” האָט דן געפֿרעגט. ער האָט מיט די פֿינגער געטאַפּט די קאַרבן אויף זײַן שטעקן און איבערגעציילט דרײַ און צוואַנציק.

„מע זאָל עפֿענען אַלע זעגלען, קאָן מען עס מאַכן אין דרײַ טעג, אָבער אין נאָך זיבן טעג וועלן זיי פֿאַרטרײַבן די פּרינצעסין, וועט דער

קעניג זײַן נאָך מער פאַרטרויערט, און אפשר גאָר שטאַרבן. פײַף מיר עפּעס, פײַף מיר אַ פריילעכס.״

דנען איז געווען טרויעריק, איז קיין פריילעכס נישט אַרויס. ער האָט גענומען אויספײַפן טרויעריקע ווײַגלידער און גאָר גיך איז דאָס שנאָרכן פון דעם קאַפּיטאַן געוואָרן העכער פון זײַן פײַפן.

דן האָט שטיל און לײַכט אַרײַנגערוקט זײַן האַנט אין קאַפּיטאַנס טאַש, געזוכט דעם שליסל צו זײַנע קייטן, אָבער אין טאַש גאָרנישט געפונען. דער קאַפּיטאַן האָט זיך גענומען וועקן. דן האָט געכאַפּט דאָס פײַפל צום מויל און ווידער שטיל געשפּילט וויג־ניגונים.

וואָס וועט מיר שוין אַרויסקומען אַז איך וועל אויפשליסן די קייטן, נאָר דער קאַפּיטאַן קאָן הייסן עפענען די זעגלען. ער דאַרף זײַן גוט געגנוג עס צו וועלן. אפשר פּרובירן דאָס צווייטע בלעטל פון דעם עפּל? דער קאַפּיטאַן האָט געשנאָרכט מיט אַן אָפן מויל, דן האָט אַרײַנ־געשטופּט דאָס בלעטל דעם קאַפּיטאַן צווישן די ציינער, ער האָט זיך איבערגעוועקט און אַרויסגעכאַפּט זײַן שווערד. פּלוצעם האָט ער אַוועק־געוואָרפן די שווערד און זיך געוואָנדן צו דנען מיט אַ געענדערט, ווייך קול: „דו ציטערסט, מײַן קינד, ס׳איז דיר קאַלט?״

„נישט פון קעלט ציטער איך, נאָר פון צער,״ האָט דן געענטפערט. און דערציילט דעם קאַפּיטאַן אַלץ וועגן זײַן פּרינצעסין. טרערן האָבן זיך גענומען קאָלערן איבער דעם קאַפּיטאַנס האַרטער באָרד. ער האָט אַ בלאָז געטאָן אין אַ האָרן. אַלע פּיראַטן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויף דער דעק. „צעשפּרייט אַלע זעגלען,״ האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן.

דן האָט איינגעשניטן דעם זעקס און צוואַנציקסטן קאַרב אין זײַן שטעקן, ווען מען האָט דערזען יבשה.

10

דן האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט זונשפּראַץ, און ווי אַלע מאָל גע־ציילט די קאַרבן אויף זײַן שטעקן פאַרן מאַכן אַ נײַעם שניט. ער האָט אויפגעציטערט און גענומען ציילן נאָך אַ מאָל: אַכט און צוואַנציק, נײַן

און צוואַנציק, דרײַסיק, איין און דרײַסיק, צוויי און דרײַסיק, דריי און דרײַסיק! ווי איז דאָס מעגלעך? ער האָט דאָך געהאַט נאָר דרײַסיק טעג צו לעבן? ער האָט גענומען ציילן נאָך אַ מאָל און דערזען: אַלע קאַרבן ביז זעקס און צוואַנציק זענען געשניטן מיט אַ מעסער, מיט זײַן מעסער. די ווײַטערדיקע קאַרבן זענען אַזוי מאָדנע, אויסגעריסן, אָדער אויסגעביסן מיט אַ צאָן, אָדער מיט אַ פֿויגלישן שנאָבל — ווי מיט אַ שאַרפֿן פּאַפּוגײַ־שנאָבל...

דן איז שוין נישט געווען אַזוי זיכער, האָט ער גענומען לויפֿן. ער האָט גיך געזען היימישע לאַנקעס. באַלד האָט ער אויך דערהערט דאָס מעקען פֿון זײַנע שאָף. ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטיין לעבן זײַן ברונעם, האָט ער דערזען די פּרינצעסין אויף איר מאָרגן־שפּאַציר. זי האָט זיך דערנענטערט צו זײַן סטאַדע, וואָס האָט זיך איצט געפּאַיעט לעבן ברונעם.

ווען די פּרינצעסין האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אַ שעפּעלע איז ער צוגעגאַנגען און איר דערלאַנגט דעם עפּל.

„עס, פּרינצעסין, עס וועט היילן דײַן האַרץ.“

„רוק זיך אָפּ, אָפּגעריסענער שלעפּער,“ האָט זי אַ געשריי־געטאָן און אַרײַנגעוואָרפֿן דעם עפּל אין ברונעם.

דער עפּל איז געשווומען אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון וואַסער. דן איז אַרײַנגעשפּרונגען אין דעם עמער. זײַן שווערקייט האָט אַ שלעפּ־געטאָן דעם עמער אַראָפּ. די קייט האָט זיך אָפּגעוויקלט און ער איז מיט אַ פּליעסק אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער. דן האָט זיך מיט איין האַנט אָנגעהאַלטן אין דער קייט און מיט דער אַנדערער געזוכט דעם עפּל. אַראָפּגעזונקען פֿון דעם פּליוך, איז אָבער דער עפּל באַלד צוריק אַרויפֿ־געשווומען אויף דער אויבערפֿלאַך. ווי אַזוי ברענגט מען אים אַרויף? צום אַרויפֿציִען זיך אויף דער קייט וועט ער דאַרפֿן ביידע הענט. פֿאַר־פֿאַלן, זי וועט שוין מוזן עסן פֿון מײַן מויל. ער האָט אַרײַנגענומען דעם עפּל צווישן די ציין און מיט די הענט זיך אַרויפֿגעצויגן אויף דער קייט.

ער האָט געהאַלטן דעם עפּל לויז צווישן די ציין נישט אײַנצובײַסן. דער בלויזער ריח פֿון דעם עפּל האָט אים געמוטיקט צו גוטע מעשׂים.

ווען ער איז אַרויס פון ברונעם איז די פּרינצעסין שוין געווען בײַם הײשײַער.

דן האָט אַ לויף געטאָן, באַפאַלן זי פון הינטן, אַרײַנגעשלעפּט זי אין שײַער און פאַרשלאָסן די טיר.

„דו וועסט באַצאָלן מיט דײַן קאָפּ,״ האָט די פּרינצעסין געשריגן. דן האָט אויפגעשווידערט, דאָס קול פון דער פּרינצעסין איז געווען אַזוי ענלעך צום קול פון דעם שלעכטן פּאַפּוגײַ.

„איך בין גרייט צו באַצאָלן מיט מײַן לעבן, אָבער דו מוזט עסן פון דעם עפּל, דאָס וועט דיר געבן די גוטסקייט וואָס דיר פעלט.״

„איך וויל נישט זײַן גוט, איך ווייס נישט וואָס עס איז, און וויל עס נישט זײַן.״

„האָב רחמנות אויף דײַן טאַטן,״ האָט דער פּאַסטעך זיך געבעטן. אָבער זי האָט נישט געוווּסט וואָס עס איז רחמנות.

די צײַט פון מיטאָג איז געקומען. דן האָט געהאָפט, זי וועט ווערן הונגעריק, וועט זי עסן דעם עפּל. מיטאָגצײַט איז פאַרגאַנגען. די צײַט פאַר נאַכטעסן איז פאַרבײַ, די פּרינצעסין האָט צום עפּל זיך נישט צו־גערירט.

אַכט און צוואַנציק קאַרבן אין דעם שטעקן, נײַן און צוואַנציק קאַרבן און דער עפּל איז געלעגן נישט אָנגערירט. גוטע מענטשן שלאָפן טיף, אָבער שלעכטע וועקן זיך בײַ אַ שאָרך, האָט ער אַפילו בײַ נאַכט נישט געקאָנט דעם עפּל אין איר מויל אַרײַנשטופן. אפשר וואָלט ער מיטן פײַפן אַ שלאָף־ניגון זי געקאָנט אַרײַנטרײַבן אין טיפן שלאָף, אָבער ער האָט דאָס פײַפל פאַרלאָרן אין דעם ברונעם. דער הונגער מאַטערט זי אַזוי שטאַרק, אַז זי קאָן שוין אַפילו נישט שלאָפן. דאָס האַרץ האָט אים וויי געטאָן פון רחמנות און אַ ספק האָט געפּיקט זײַן מוח: אפשר זי אַרויסלאָזן?

ער האָט אײַנגעשניטן דעם נײַן און צוואַנציקסטן קאַרב אין זײַן שטעקן, דער לעצטער קאַרב. דעם דרײַסיקסטן וועט ער נישט שניידן, עס וועט זײַן יום כּיפּור, און עס וועט זײַן צו שפּעט. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זײַנע אויגן אויפן שטעקן, פונעם שטעקן אויפן עפּל.

„באַשמוץ נישט דעם עפּל!" האָט זי אַ געשריי געטאָן. דער לעצ־טער רישעותדיקער געשריי פון איר מויל. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם עפּל און גענומען רײַסן שטיקער מיט די ציין, געגעסן אָן אַ ברכה.

זי האָט געקייט אַזוי שנעל, אַז ביז די זאַפטן זענען זיך צעגאַנגען אין איר מויל האָט זי שוין געהאַט כמעט דעם גאַנצן עפּל איינגעשלונ־גען.

„דו טײַערער, גוטער דו," האָט זי פּלוצעם אויסגערופן מיט אַ ווייך ציטערדיק קול. „דו האָסט דאָך אויך דרײַ טעג נישט געגעסן." פון דעם עפּל זענען שוין געבליבן נאָר די קערלעך, די פּרינצעסין האָט זיי צערט־לעך דערלאַנגט דנען גלײַך אין מויל אַרײַן.

11

די פּרינצעסין איז נישט געקומען צום מאָלצייט, זי איז נישט געווען אין איר צימער. און אין דעם גאַנצן פּאַלאַץ האָט מען זי נישט געקאָנט געפינען. זי איז צו נאַכטעסן אויך נישט געקומען. צו מאָרגנס האָט מען געזאָגט דעם קעניג, אַז זי איז אפילו נישט געקומען שלאָפן. זי ווייסט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען זי אַרויסטרײַבן מיט חרפּה, איז זי אַוודאי אַליין אַנטלאָפן. גוט אַזוי, האָט דער קעניג געטראַכט. ער האָט געבעטן גאָט נישט צו דערלעבן דעם טאָג ווען חרפּה וועט אויס־געגאָסן ווערן אויף זײַן הויז.

12

די ערשטע טעג פון יאָר זענען דאָך פּאָרכטיקע בײַ אַלע יידן, דאָס מאָל זענען זיי געווען טאָפּלט פּאָרכטיק אין דעם לאַנד פון די עשׂרת השבטים. עס איז שוין געווען ערב יום־כּיפּור. אַלע האָבן געוווסט, וואָס עס דראָט צו געשען צו מאָרגנס נאָך יום־כּיפּור. אַלע האָבן געטרויערט צוזאַמען מיט זייער באַליבטן קעניג. גאָר אומגעריכט האָט אין פּאַלאַץ זיך דערהערט אַ געזאַנג. אַלע זענען געלאָפן זען ווער ס'האָט די חוצפּה הײַנט צו זינגען, און מיט שטוינונג דערזען — פּרינצעסין דינה טאַנצט

אין איר גאָרטן און זינגט מיט אַ ווייך זיס קול. קיינער האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט די פּרינצעסין זינגען.

„די פרינצעסין איז דאָ,‟ איז מען געלאָפן אָנזאָגן דעם קעניג.

„עס וואָלט אפשר בעסער געווען ווען זי וואָלט נישט צוריקגעקו־מען,‟ האָט דער קעניג געקרעכצט.

„זי טאַנצט און זינגט.‟

„דינה טאַנצט און זינגט?‟ איז שוין דער קעניג אויפגעשפרונגען מיט פאַרוואונדערונג און אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן.

„ס'איז דאָך גאָר נישט דיין קול, דינה,‟ האָט דער קעניג זיך גע־וואונדערט.

„איך בין נישט די זעלביקע דינה, טאַטע,‟ האָט די פרינצעסין זיך צעשמייכלט.

קיינער האָט נאָך פריִער נישט געזען די פרינצעסין שמייכלען.

דער קעניג האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס.

דינה איז צוגעלאָפן צו אים און זיך געטוליעט צו זיין ברוסט:

„טאַטע טייערער!‟

13

עס איז געווען, ווי געזאָגט, ערב יום־כּיפּור. צו שפּעט צוזאַמענ־צורופן פּרינצן פון אַנדערע לענדער, צו שפּעט צו רופן עמעצן אַפילו פון אַן אַנדערער שטאָט. אָבער רייטער זענען גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן איבער אַלע גאַסן, זיי האָבן געבלאָזן אין די שופרות און אויס־גערופן:

„הערט, הערט אין נאָמען פון קעניג אפרים דער אַכצנטער, גע־לויבט זיין נאָמען: יעדער בחור, שיין, בראַוו און קלוג, מיט וויסן אין מלוכה־זאַכן און מילחמה־פירונג, פּאַסיק צו טראָגן אַ קרוין אויפן קאָפּ, ווערט פאַרבעטן אויף מוצאי יום־כּיפּור צום טאַנץ אין קעניגלעכן גאָרטן. פּרינצעסין דינה וועט אויסקלייבן אַ מאַן צו טיילן מיט איר דעם טראָן. הערט, הערט, אַזוי האָט געזאָגט אונדזער קעניג, לעבן זאָל דער קעניג!‟

„ווער ווייסט, צי עס וועט זיך געפינען איינער ראוי פאַר מיין דינה," האָט דער קעניג זיך געזאָרגט. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פרינצן פון נאָענטע און ווײַטע שבטים האָבן געוואַרט בײַ די טויערן פון שטאָט. מע וועט דאָך פאַרטרײַבן די פרינצעסין און דאַרפן אַ נײַעם מושל, איז גוט צו זײַן נאָענט...

14

די גרעסטע טענץ אין די גערטנער קומען פאָר חמישה עשׂר באָב. מע קומט אַרויס טאַנצן ווי נאָר עס גייט אונטער די זון פון דעם פערצנטן אָב, און מע ווערט נישט מיד ביז עס קומט אַרויס די פולע לבנה אין דער נאַכט פאַר דעם זעכצנטן. מוצאי יום־כּיפּור איז מען אויסגעמאַטערט פון תּענית. אָבער אַזאַ פריילעכער טאַנץ, ווי עס איז געווען דאָס יאָר איז זעלטן פריִער געווען אַפילו אין חמישה עשׂר באָב, און דאָך... פרינצעסין דינה האָט געזונגען, געטאַנצט און פרײַנדלעך געווען צו יעדן גאַסט. איינעם אַ גוט וואָרט, אַ צווייטן אַ שמייכל, אָבער קיינעם נישט צוגעפירט צום קעניג. די געסט זענען געוואָרן מיד, די כּלי־זמרים שלעפעריק, האָט דער קעניג צוגערופן די פרינצעסין:

„טאָכטער מײַנע, באַשײַן מײַנע אַלטע טעג מיט נחת, דער טאָג איז נאָענט, גיב דײַן האַרץ צו דײַן אויסדערוויילטן."

„מײַן האַרץ געהערט צו מײַן אויסדערוויילטן, דערפאַר קאָן איך עס נישט געבן דאָ קיינעם פון זיי," האָט זי געוויזן אויף די געסט.

„אויב דײַן אויסדערוויילטער איז ווײַט, איז צו שפּעט, טאָכטער מײַנע."

„ער איז נאָענט, טאַטע."

„ברענג אים, אָדער פיר מיך צו אים."

די פרינצעסין איז געלאָפן איבער פעלדער און לאָנקעס, דער קעניג מיט זײַנע באַגלייטער נאָך איר. זי האָט זיי אַרײַנגעפירט אין דעם היישײַער.

דן האָט זיך איבערגעוועקט, דאָס ליכט פון די לאַמטערנעס האָט געשטאָכן זײַנע פאַרשלאָפענע אויגן און האָט נישט געוווּסט צי ער

זעט טאַקע דעם קעניג אין שײַער, אָדער עס איז נאָר אַ חלום. דינה האָט אויסגעשטרעקט צו אים איר האַנט און אים געהאָלפן אויפשטיין.

„ער איז מײַן אויסדערוויילטער,״ האָט זי געזאָגט, און צוגעפירט דנען צום קעניג.

„לאַך נישט פון מיר, פּרינצעסין,״ האָט דן זיך געבעטן. און געפאַלן אויף די קני פאַר זײַן קעניג.

„אַן אומוויסנדיקער פאַסטעך? ווי וועט ער פירן אַ מלוכה?״ האָט דער קעניג געפרעגט.

„מיט גוטסקייט און מיט ליבע,״ האָט די פּרינצעסין געענטפערט, און דערציילט דעם קעניג, וואָס דן האָט געטאָן פאַר איר.

די נאַכט איז אויסגערונען, עס איז נישט געווען גענוג צײַט איבערצוטאָן דעם פאַסטעך אין קעניגלעכע קליידער. מען האָט קוים באַוויזן אַרײַנצולויפן אין טראָן־זאַל. די שופרות האָבן זיך צעשאַלט. דער קעניג האָט אַרויפגעלייגט איין האַנט אויפן קאָפּ פון דער פּרינצעסין, די אַנדערע האַנט אויף דנס קאָפּ און אויסגערופן:

„הער, מיין פאָלק, הערט, מײַנע געטרײַע זין און טעכטער. מײַן טאָכטער דינה האָט אויסגעקליבן איר באַשערטן, דעם געליבטן פון איר האַרץ. ברענגט די חופה־שטאַנגען.״

בײַ די עשׂרת השבטים איז מען זיך נוהג, אַז דער חתן אונטער דער חופה צעברעכט צוויי גלעזער. איינס צו דערמאָנען חורבן ירושלים, און נאָך איינס צו דערמאָנען די געפאַלענע וואָס שלמנאסר, דער מלך רשע פון אשור, האָט אויסגעקוילעט ווען ער האָט חרוב געמאַכט שומרון. דן האָט קוים באַוויזן צו צעטרעטן דאָס צווייטע גלאָז, ווען עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קריי פון אַ האָן.

15

דערזען, אַז פון אַלע פּרינצן און פײַנע לײַט האָט די פּרינצעסין אויסגעקליבן אַ באָרוועסן אָפּגעריסענעם פאַסטעך, זענען די פּרינצן

געוואָרן זייער אין כּעס און געזוכט אים צו פֿאַרשעמען מיט זײַן אומ־וויסן. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און גענומען אים באַוואַרפֿן מיט פֿראַגעס וועגן מלוכה־פֿירונג, וועגן געשיכטע, וועגן די שטערן אין הימל, און אַנדערע וויסנשאַפֿטן. זיי האָבן געשטעלט די פֿראַגעס אין פֿאַרשידענע לשונות אַרויסצוווײַזן זייער וויסן, און דעם נײַעם פּרינץ נאָך מער צו צעטומלען.

דער קעניג איז געזעסן צעשראָקן, בלאַס, און געוואָרן נאָך בלאַסער און נאָך מער צעשראָקן, ווען דן האָט איבערגעשריגן די פֿרעגערס: „וואַרט צו אַ ווײַלע, איך וועל צו ערשט ענטפֿערן אויף די ביז איצטיקע פֿראַגעס, דערנאָך וועט איר ווײַטער פֿרעגן."

די פּרינצן זענען שטיל געוואָרן און געקוקט אויף דנען מיט חוזק. ווי דערשטוינט זענען אַלע געוואָרן, און אויך די פּרינצעסין דינה, ווען דן האָט גענומען ענטפֿערן מיט אַ סך וויסן און חכמה, יעדער ענטפֿער אין דעם לשון וואָס עס איז געפֿרעגט געוואָרן.

נישט דן און נישט דינה האָבן געוווּסט, אַז די קערעלעך פֿון דעם עפּל פֿון גוטסקייט, זענען די קערנער פֿון חכמה. באַלד נאָכן אַראָפּ־שלינגען זיי איז ער אײַנגעשלאָפֿן אַ מידער און נישט געפֿילט ווי אַ ליכט איז אויפֿגעגאַנגען אין זײַן מוח.

געמיינט, זיי וועלן אים פֿאַרשעמען מיט זײַן אומוויסן, ווייסט ער אָבער מער פֿון זיי. האָט איין פּרינץ געוואָלט אים פֿאַרשעמען מיט זײַן אָפּשטאַם און געזאָגט: „עס איז באַקאַנט, אַז וויסן לערנט מען פֿון די הייליקע ספֿרים, חכמה לערנט מען פֿון לעבן. פֿון דעם וואָס מען האָט געטאָן, געזען און געהערט, לערנט מען ווי צו האַנדלען שפּעטער. פֿון וועמען האָט אונדזער נײַער פּרינץ געלערנט? וואָס האָט ער געזען אַרום זיך, וואָס וועט אים העלפֿן געבן דעם פֿאָלק אַן עצה?"

„פֿרעג אַן עצה," האָט דן גוטמוטיק געענטפֿערט.

„די קריגערישע מיזרח־לענדער שמידן אַ סך געווער. וואָס זאָלן מיר טאָן, וואָס זאָלן טאָן אונדזערע שכנים וואָס האָבן ליב שלום?"

עס האָט אײַנגעטרעטן אַ שטילקייט. דן האָט אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף דעם אַקסל פֿון דעם פֿרעגער און אים צוגעפֿירט צום פֿענצ־

טער. עס האָט שוין געטאָגט אין דרויסן. אַ פאַסטעך האָט געפירט זײַן סטאַדע צו דער לאָנקע. „דו ביסט גערעכט, פרינץ," האָט דן געזאָגט. „אַ מענטש דאַרף לערנען פון אַלעם וואָס ער זעט, איך האָב געלערנט פון מײַנע שעפסן." דרויסן האָבן די שעפסן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און זיך געהאַלטן צוזאַמען. „דאָס איז דער ענטפער," האָט דן געזאָגט, „צוזאַמען וועלן מיר זײַן שטאַרק."

האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַנדערער פרינץ און געפרעגט: „צען שבטים זענען מיר, מיט פירשטן און פרינצן אין יעדן שבט. דער ליכ־טיקער קעניג אפרים האָט טאָלערירט יעדער שבט זאָל זאָרגן קודם־כּל פאַר זיך און פאַר די אייגענע. וואָס וועט אונדז פאַראייניקן אין צײַט פון געפאַר?"

„די געפאַר וועט אונדז פאַראייניקן," האָט דן געענטפערט.

„פון וואַנען ווייסט דאָס דער פאַסטעך־פרינץ?" האָט אַן אַנדערער געפרעגט און אַקצענטירט דאָס וואָרט פאַסטעך מיט אַ ביסל איראָניע.

„אויך דאָס האָב איך געלערנט פון מײַנע שעפסן," האָט דן געענט־פערט. „בײַ שאָף דערקענט אַ מוטער איר קינד לויטן ריח. אַ מאַמע וועט נישט צולאָזן צו זיך אַ פרעמד קינד, און אַוודאי עס נישט לאָזן זייגן. אַפילו אויב זי האָט נאָר איין אייגנס, און קאָן אַנזייגן צוויי. אַפילו ווען איר אייגנס איז געבוירן געוואָרן טויט."

„וואָס טוט מען ווען אַ ניי־געבוירנס פאַרלירט די מוטער?"

„דער פאַסטעך לאָזט אַרויס אויף דער לאָנקע נאָר דאָס פאַריתומטע לעמעלע, און אַ מוטער וואָס האָט פאַרלוירן אירס. די מוטער טרײַבט נאָך אַלץ פון זיך דאָס פרעמדע קינד. אָבער ווען עס לויפט אַן דער הונט, נעמט זי עס אונטער איר שוץ. דער ריח פון דעם לעמעלע ווערט איר נאָענט און זי אַדאָפּטירט עס ווי איר אייגנס. געפאַר פאַראייניקט."

„דײַנע קליידער זענען פון אַ פאַסטעך, אָבער דײַן קאָפּ איז פאַר אַ קרוין," האָט דער קעניג אַ גליקלעכער געזאָגט. ער האָט אַראָפּגענומען די קרוין פון זײַן קאָפּ: מײַן זון, איך בין אַלט און מיד. פון הײַנט אָן וועסטו פירן מײַן פאָלק."

דער קעניג האָט אַרויפגעלייגט די קרוין אויף דנס קאָפּ, וואָס איז

נאָך געווען פול מיט היי פון שײַער, און אַלעמענס פּנימער האָבן געשײַנט פון גליק.

פּלוצעם איז אַ סאָלדאַט אַרײַנגעלאָפן מיט בהלה און געפאַלן צו די פיס פון קעניג.

„קעניג,״ האָט דער סאָלדאַט געיאָמערט, „אַן אומגליק האָט געטראָפן. עס איז געווען אַ טרויעריקער יום־כּיפּור. אַלע זענען געווען אין די שולן מתפּלל זײַן פאַר דעם קעניג. מען האָט די ברעגעס נישט געהיטן. ווען עס איז טאָג געוואָרן האָט מען דערזען אין אונדזער פּאָרט פאַראַנקערט אַ קריגס־שיף פון די שרעקלעכסטע פּיראַטן. עס איז רעכט, אַז זיי האָבן שוין אַרויסגעזעצט רויבערס אויף די ברעגעס; עס איז מעגלעך אַז זיי האָבן זיך שוין אַרײַנגעגנבעט אין דער שטאָט.״

„און אַפילו אין דעם פּאַלאַץ,״ האָט זיך דערהערט אַ פעסטע שטים פון דער טיר, און אַלע האָבן דערזען די גבורהדיקע געשטאַלט פון דעם קאַפּיטאַן פון דער פּיראַטן־שיף.

אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו די שווערדן, אָבער פּרינץ דן האָט אויסגערופן:

„איר זעט דען נישט, אַז ער איז נישט באַוואָפנט?״ דן איז צוגעגאַנגען צו דעם ים־רויבער.

דער אַלטער מיט די קעניגלעכע קליידער האָט געטראָגן נאָר אַ יאַרמעלקע; דער באָרוועסער פאַסטעך מיט די צעריסענע קליידער האָט געטראָגן אַ קרוין. דער ים־רויבער האָט געקוקט פון איינעם צום אַנדערן און ענדלעך געזאָגט צו דנען:

„קעניג פון די פאַסטעכער, פיר מיך צום קעניג פון דײַן פאָלק!״

דן האָט מיט אַ שמייכל אָנגעוויזן אויפן אַלטן קעניג. דער פּיראַט האָט זיך געבוקט פאַרן קעניג און געזאָגט:

„מיר זענען געווען ים־רויבערס, אָבער דער,״ האָט ער אָנגעוויזן אויף דנען, „האָט ווייך געמאַכט מײַן האַרץ. מײַנע מענטשן האָבן מיך געפאָלגט, ווײַל זיי האָבן פאַר מיר מורא געהאַט. אַז איך האָב געזען די ליבשאַפט פון דײַן פאַסטעך צו דיר, האָב איך פאַרשטאַנען אַז מיט אַלע מײַנע אָנגערויבטע אוצרות בין איך אָרעם. ליבשאַפט קאָן מען נישט

רויבן. איך האָב חרטה אויף דעם שלעכטס, וואָס איך האָב געטאָן, לאָז מיך ווערן דײַן דינער, איך וועל דיר געטרײַ זײַן.״

„פון הײַנט אָן איז ער קעניג,״ האָט דער קעניג־פּאָטער געוויזן אויף דנען.

„וואָס זאָגסטו, יונגער קעניג,״ האָט דער רויבער זיך געבוקט צו דנען.

„יעדער, וואָס וויל דינען דעם אייבערשטן און ערלעך פאַרדינען זײַן ברויט, קאָן ווערן אַ מיטגליד פון מײַן פאָלק,״ האָט דן געענטפערט. „לאָד אָן די שיף מיט די אָנגערויבטע אוצרות און פיר עס צוריק צו די באַרויבטע.״

„עס וועט געשען ווי דו באַפעלסט, קעניג!״

16

„הײַנט איז דער ערשטער גליקלעכער טאָג פון מײַן לעבן,״ האָט דינה געזאָגט צו דנען, ווען זיי זענען געבליבן אַליין.

„איך מוז דיר אויסזאָגן אַ סוד,״ האָט דן איר פאַרטרויט, „הײַנט איז דער לעצטער טאָג פון מײַן לעבן. פון דער שעה, וואָס איך האָב אָפּגעריסן דעם עפּל, זענען מיר געבליבן נאָר דרײַסיק מעת־לעת. מײַן צײַט ענדיקט זיך.״

דינה האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום דנס האַלדז און געשריגן:

„איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, איך האָב דיך ליב, איך וועל דיך נישט לאָזן שטאַרבן!״

„איך האָב דיך אויך ליב, אָבער דער טויט וואַרט שוין אויף מיר.״

„אַ נאַר שניידט טויט,״ האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון דרויסן, און דן האָט דערקענט דאָס קויל פון דעם פּאָפּוגײַ. דינה און דן זענען אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן. „אַ נאַר שנײַדט טויט,״ האָט דער פּאָפּוגיי ווידער אַ געשריי געטאָן. אַן אַלטער גייער האָט זיך באַוויזן און אויפגעהויבן זײַן שטעקן: „שלאָג נישט,״ האָט זי זיך געבעטן בײַם אַלטן.

„ער איז שלעכט," האָט דער אַלטער געענטפערט. „איך בין דער, וואָס האָט אין דעם אַמאָליקן קעניגרייך פון דײַנע אבות אויסגערוימט די שלעכטע נביאים פון דעם אָפּגאָט בעל."

„וואָרצל אויס דאָס שלעכטס אָבער נישט דעם שלעכטן' איז געשריבן אין אונדזערע ספרים," האָט דן זיך אָנגערופן.

„דאָס ביסטו גערעכט," האָט דער אַלטער געענטפערט. „זײַ וויסן, שלעכטס איז פּחדנותדיק. נישט צו שלאָגן איז דער שטעקן, נאָר צו שרעקן." דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן, דער פּאָפּוגײַ האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די פליגל און גענומען פליִען אין אַ קרײַז אַרום דנס קאָפּ. דער אַלטער האָט אַ פּאָך געטאָן מיטן שטעקן, דער פּאָפּוגײַ האָט אַ געשריי געטאָן פון שרעק, אַוועקגעשטעלט זיך אויף דינהס אַקסל און געטוליעט דעם קאָפּ צו איר האַלדז. די פּרינצעסין האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און דער אַלטער האָט איר געגעבן דעם שטעקן. דינה האָט אָנגענומען דעם שטעקן בײַ בײדע עקן, דער פּאָפּוגײַ האָט זיך געשטעלט אויפן שטעקן און גענומען וואָרקען מיט הכנעה, ווי אַ גוט טײַבעלע.

דן האָט געקוקט צום אַלטן פרעגנדיק, און געוואָרט ער זאָל אים זאָגן ווען...

„כי עזה ממות אהבה, ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט. ליבע האָט באַזיגט דעם טויט," האָט דער אַלטער געזאָגט און געקוקט דראָענדיק צום פּאָפּוגײַ.

„ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט," „ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט," האָט דער פּאָפּוגײַ נאָכגעזאָגט.

***

דאָס איז געשען אַ טאָג שפּעטער. קעניגין דינה איז אַרויס אין גאָרטן, אין שטוב האָט קעניג דן געהערט איר פריילעך געזאַנג, וואָס איז פּלוצעם איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ געשריי. ער איז אַרויס צו איר, זי איז געפאַלן אין זײַנע אָרעמס און מיט שרעק געוויזן צום גאָרטן: „אַ לייב, אַ גרויסער ריזיקער לייב."

דער לייב האָט זיך דערנענטערט און דן האָט דערקענט זײַן גוטן

טויבן לייב. דער לייב איז צוגעקומען צו אים, דן האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דער גריווע. אַ שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום דעם לייבס פּיסק, ער האָט זיך אויסגעצויגן לעבן דנס פיס.

דער לייב איז שוין געבליבן אין דעם קעניגלעכן גאָרטן, און פון דעם נעמט עס זיך טאַקע וואָס אויף דעם עמבלעם פון דער מלוכה האָט מען צו דער מנורה צוגעשטעלט אַ שמייכלענדיקן לייב. אויך דער פּאָפּוגײַ איז געבליבן אין דעם קעניגס פּאַלאַץ. לרוב האָט ער געשוויגן, ווי ער וואָלט געווען אַ פיש, נישט אַ פּאָפּוגײַ. נאָר ווען ער האָט דער־זען דעם אַלטנס סענקאַטן שטעקן, וואָס איז אויך געבליבן בײַ דנען, האָט דער פּאָפּוגײַ גענומען שרײַען: „ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט, ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט!"

*

נחת האָט געשטאַרקט דעם פּאַטער־קעניג אפרים און פאַרלענגערט זײַן לעבן. דן און דינה האָבן געפירט זייער פאָלק מיט חכמה און מיט גוטסקייט. מער וועגן קעניג דן דעם ערשטן און וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר אַלע פון די צען שבטים, איז באַשריבן אין די געשיכטע־ביכער פון די מלכים אויף יענער זײַט סמבטיון.

געקעניגט האָט אַמאָל אַ באַרג

אין אַלטע, גאָר אַלטע צײַטן האָט באַרגריז מיט גדלות איבער דעם געשפּרייט געקעניגט. הימל האָט מיט זײַן בלויסטן תּכלת באַרגס קאָפּ געהילט, ים האָט זײַנע שוימיקסטע כוואַליעס געשיקט באַרגס פיס צו וואַשן.

יונג איז דאַן וואַלד געווען. אַ געדיכטע ביימער־טשופּרינע האָט באַקרוינט זײַן קאָפּ און באַהדרט זײַן ברוסט. מאָכיק־גרין און זאַמד־גאָלדיק איז געווען זײַן הויט. קיין סאָכע האָט איר פּרישקייט נישט צע־קראַצט, קיין וועג און שטעג האָבן איר גאַנצקייט נישט צעשליסן.

אַ ווינט־משרת האָט אַ מאָל זיך אָנגעגורט מיט מוט און הכנעהדיק דעם באַרג געפרעגט: האַר און קעניג, אפשר וואָלט כּדאַי געווען עפּעס צו טאָן אין אונדזער מלוכה?

האָט באַרג אים דאַרויף געענטפערט: טאָן דאַרף מען, אַז מע זאָל ווערן אַ באַרג. אָבער אַז מען איז שוין אַ באַרג, דאַרף מען שוין גאָר־נישט טאָן.

געקומען זענען אַ מאָל ברואימלעך צווייפיסיקע און געוואָלט דאָרט בויען זייער נעסט. איז באַרג געוואָרן בייז און מיט שוימיקן כּעס גע־שפּיגן לאַוועס פייער און פעך. געציטערט האָט דער גאַנצער אַרום. בוים צו בוים האָט באַרגס גבורות דערציילט, ווינט האָט זײַן לויב איבער סטעפּעס צעטראָגן. געוואַקסן איז באַרגס רום ווי דער געפערלעכסטער ווולקאַן, און געוואַקסן איז זײַן הערשאַפט. געטריַי האָט הימל אַ חופּה איבער זײַן קאָפּ פאַרצויגן, הכנעהדיק האָט ים זײַנע פיס געקילט, און זון האָט יעדן פאַרנאַכט באַרגס קליידער מיט גאָלד און פּורפּור באַצירט. גרויס איז געווען דער גלויבן אין זײַן כּוח, נאָך גרעסער איז געווען די מורא פאַר זיין שטראָף.

נישט דערשראָקן האָבן זיך נאָר די ברואימלעך די צווייפיסיקע. זיי זענען געקומען ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל. מיט האַק און האַ־מער זענען זיי געקומען, מיט קעלניע און מיט אַקער, מיט זעג און גראָבאייזן. עס האָט געצאָרנט אויף זיי דער באַרג, עס האָט געשוימט אויף זיי דער ים, עס האָט געשפּאָט פון זיי דער ווינט.

אַ יאָר נאָך אַ יאָר איז פאַרלאָפן, אַ דעמב נאָך אַ דעמב איז געפאַלן, אַ הויז נאָך אַ הויז איז געוואַקסן. ס'האָט באַרג געקעמפט מיט גדלות און טראָץ, ס'האָט מענטש געבויט מיט עקשנות און פלייס. אַ סך, אַ סך יאָרן זענען פאַרלאָפן. אַלט איז שוין דער באַרג און קראַנק. אײַנגעפלאָנטערט האָט אים מענטש אין דראָטאָדערן אַ נעץ, דורך וועלכע עס פליסט לעבעדיק וואָרט. רעלסן צעצווײַגטע קרײַציקן זיך איבער זײַן רוקן, געשמידט איז זײַן לײַב אין אַספאַלטן און שאָסייען. אין שיך פון אײַזן און בעטאָן זענען זײַנע פיס פאַרקאָוועט. אַז כוואַליעס לויפן אָן, ווי אַ מאָל, באַרגס פיס צו וואַשן, ווערן זיי צעשמעטערט און אויף טראָפּנס צעדריבלט. אַז ווינט פּרוּווט אַ אַמאָל אַ טרייסטוואָרט זאָגן, ווערט ער פאַרטויבט פון פאַבריק־סירענעס, אַז הימל קומט אַ מאָל אין אַ פאַרטאָג קושן באַרגס אַלטן קאָפּ, פאַרריסן קוימענס מיט שוואַרצן רויך הימלס בלויע קליידער. אָנמאַכטיק ליגט דער באַרג, וואָרעמט זײַנע געליימטע גלידער אין דער זון און קרעכצט: עס האָט מיך באַזיגט דער מענטש מיט זײַן פלײַס.

אינהאַלט

חסידיש

דער כּוח פון אַ מינחה 9

דער כּוח פון אַ צדיק 15

דער כּוח פון דער תּורה 25

דער כּוח פון ביטחון 35

דער כּוח פון אַ ברכה 47

דער כּוח פון שימחה 57

דער פּריץ וואָס האָט געוויינט און דער בעל־עגלה וואָס האָט געלאַכט 67

אין אַ חתונה־נאַכט 79

הינטער די הרי־חושך 95

מדרשדיק

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן 107

פאַר קליין און גרויס

די פּרינצעסין און דער פּאַסטעך 117

געקעניגט האָט אַ מאָל אַ באַרג 155

J

(3)